STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06160

LIDER UN ESEYEN

B. J. Bialostotzky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

לידער און עסייען

1. לידער

פאַרלאַג „צווייגן"
נויאָרק, 1932.

LIBRARY
CANCELLED
UNIVERSITY OF TORONTO

געזעצט און געדרוקט אין דער

דזשוירזי פרינטינג קאמפאני

יוניאן פרינטערס

18

10 וועסט 23סטע סטריט, בעיאן, ניו־דזשוירזי

טעלעפאן: בעיאן 4340־3

אין דעם בוך גייען אריין א סאך נייע, נאך אינערגעץ ניט געדרוקטע לידער, הויפטזעכלעך אין דער אפטיילונג: ״נייס־אנטאלאגיע.״ כ׳האב דערביי אויך איבערגעדרוקט עטלעכע לידער פון מיין ערשט בוך: ״באם בריטן וועג״, וואס איז ארויס מיט א יאר 10 צוריק. כ׳האב אריינגענומען בלויז די לידער וואס האבן א שייכעס צו מאטיוון אף וועלכע איך האב שפעטער זיך מער אפגעשטעלט.

די לידער זיינען לויט זייערע מאטיוון איינגעטיילט אין סעריעס, אין אפטיילונגען, כאטש קיין שטרענגע גרענעץ צווישן איין אפטיילונג און א צווייטער קען מען ניט מאכען.

איך האב אין בוך אויך אריינגענומען איניגע פון די צופעליקע איבערזעצונגען, וואס איך האב געמאכט פון צייט צו צייט, לייענענדיק לידער אין אנדערע שפראכן, — בלויז די איבערזעצונגען, וואס זיינען מיר אממערסטן נאענט.

א ווארט וועגן דער ארטאגראפיע: דרוקנדיק דאס לידער־בוך, — און אויך מיין בוך פראזע, וואס גייט ארוים גלייכצייטיק, — לויט דער נייער ארטאגראפיע, זיינען די העברעישע ווערטער אויסגעלייגט פאנעטיש. אבער גאנצע העברעישע זאצן, ווערטלעך און אלט־העברעישע אידיאמען, וואס קומען דא און דארט אריין — הויפטזעכלעך אין דער פראזע, זיינען אויסגעלייגט אין העברעיש.

צום סאף: איך דאנק דעם פלעטבושער צווייג פון דער יידישער קולטור־געזעלשאפט, וואס האט דורך אן אבאנענטן־אקציע געהאלפן די אויסגאבע פון די צוויי ביכער.

ב. י. ב.

א. אַף נויאָרקער ערד.

ב. האַרבסטיקע פייערן.

ג. ווייט און אָפּגעשיידט.

ד. איך און דו.

ה. ניים - אנטאלאגיע.

ו. לידער — איבערגעזעצטע.

א. אף נויארקער ערד

נויאָרק

אָט איז דער בּעי, אָט איז דער יאַם, צעשפּרייטער מאַסט!
איך שטיי בּאַם בּרעג נויאָרקישן און זע דעם פּאַקל ווייט.
אַהינטער זיך — די גאַסן נידעריקע, פאַרוואָרפענע אין לאַסט,
די פּעק, די זעק, די פּענעמער געפּאַלענע, פאַרשפּייט,
געשטאַלטלאָזע געשטאַלטן — געמיש פון שטאַם און צייט.

כ'בּין דורך די אָרעמקייט — און אָט, בּאַפרייטער האָריזאָנט!
כ'האָבּ קיינמאָל נאָך אַזוי, אָ יאַם, דיין גרויסקייט ניט געאַנט,
די ערד געדולדיק ליגט אין מיסט, איך האָבּ זי ניט דערקענט,
נאָר דו, דערמאָנסט אָן אומרו, ראַכוועסדיקע האַנט,
און איבּער דיר שוועבּט זעונג פון אַ ווייטן לאַנד.

איך שטיי און זע — בּאַוועגלעכקייט פון עק בּיז עק!
ס'איז דאָ נאָך טהאָם, און שטראָם, און שוימיקייט, און האַסט!
נעמט בּרענגט אַהער די בּעטלערישע זעק און פּעק —
דורך וואַל און איבּערוואַל, בּאַפרייטע פון דער לאַסט,
לייכט טראָציק אויף די ווידערשפּעניקייט פון מאַסט.

שטילער ווערט די שטאָט...

אַז אַ נעפּל לאָזט אַראָפּ זיך אַף די גאַסן
פון די הימלען, פון דעם האָדסאָן, פון דעם יאַם —
שטילער ווערט נויאָרק, די שטאָט פון אַלע ראַסן,
ווי עס שטיקט זיך, שטילט זיך אונטער רויך אַ פלאַם.

עוועניוס ווערן קלענער, ברעג צו ברעג געגאַנגען,
נאָענט — און דאַך שוועבט אוף אַ וווּנדער־בילד אין וואָר:
זאַכן, ניט געזען אין זון־ליכט, ווי פאַרלאַנגען,
שטייען אוף, צעציען זיך און ווערן קלאָר.

טורעם־שפּיצן טרעטן אָפּ — זע, ביימלעך וואַקסן,
פראַסטיק און פאַנטאַסטיש ווי אַף שויב געזען.
און אָט הייבט זיך אוף אַ שטיבעלע אַף אַקסלען —
ווייטע היימישקייט איז אַלץ נאָך ווי געווען.

רופן שיפן, רופן — דומפּיקע סיגנאַלן,
ווייט איז אומגליק, ווייטער, — ווייט איז שרעק פאַראַן.
דאָ איז רויק, טאָג איז פּלוצלונג אומגעפאַלן,
שטילער ווערט די ראָד און קילער ווערט דער שפּאַן.

מענטשן גייען, שטייען איינציקווייז, געלאַסן,
גראָקייט היט פון ביידע זייטן ווי אַ צאַם.
אַז אַ נעפּל לאָזט אַראָפּ זיך אַף די גאַסן,
פון די הימלען, פון דעם האָדסאָן, פון דעם יאַם.

די פֿאַרקישעפּטע שטאָט

איבער ערד, איבער יאַם, אין דעם לאַנד טריטאונטראָט,
ליגט צעשפּרייט אין אַ טאָל אַ פֿאַרקישעפּטע שטאָט.
קומט אַ טאָג — ניט אַ טאָג, נאָר אַ פֿלי פֿון אַ ווינט,
אַלט און יונג אין געיעג, גאַס אין גאַס — לאַבירינט.
און מיט אָפֿענעם מויל, מיט פֿאַרכאַלעשטע ציין,
ווי דער הונגער פֿון הונט נאָכן רייעך פֿון ביין —
ראָד־אַריין, ראָד־אַרויס — דאַכט זיך דאָרט, אָט גאָר דאָ, —
פֿאַרבײַ טורעמס אין גאָלד, פֿאַרבײַ מויערן גראָ.

ווי דער טאָג נאָר פֿאַרפֿליט מיטן ווינט, מיטן רויך,
ווי עס נידערט די נאַכט נאָר אַראָפּ פֿון דער הויך —
שטילט זיך איין דער צעשויבערטער לויף מיטאַמאָל,
און אַ שלאָף פֿאַלט אַרוף אַף די מענטשן אין טאָל;
אין דער מיט פֿונעם וועג — מיט אַ פֿאַל צו דער ערד,
ווי פֿאַרשניטענע פֿון אַ באַהאַלטענעם שווערד.
אַף דער גאַס, אַפֿן ראָג, און באַם הויז, ווו ניט איז,
גאַס־נאָך־גאַס — אַ געפֿלעכט פֿון פֿאַרגליווערטע פֿיס.

ווי עס ברעכט זיך די נאַכט, ווי עס שפּראָצט נאָר אַף טאָג,
ווי פֿון דר'ערד וואַקסט אַרויס אַף אַן אָרעמען ראָג
אַ געבויגענער מאַן אין פֿאַרמעליקטע שיך,
מיט אַ וועגל אין האַנט, מיט אַ שטריק אַרום דיך,
און ער גייט, און ער פֿירט זיינע רעדעלעך פֿיר,
ביז ער קומט צו אַ קעלער — פֿאַרזשאַווערטע טיר.

און די שאָטנס, ווי מייז, גייען נאָך שפּאָן נאָך שפּאָן,
בלייבן שטיין בײַ דער טיר, בלייבט דאָרט שטיין אויף דער מאָן.

פּייער בריט, אויוון גליט, שפּריצן פונקען אויף רויט,
קריכט פון קעלער דער מאָן מיט אַ לעבעלע ברויט.

ווי דער רייעך פון ברויט זיך אין לופטן צעגייט,
אין פּאַרקישעפּטער שטאָט מיט די מייסים צעשפּרייט,
זיך צעזינגט בײַ אַלד דער פויגל בײַם נעסט אויפן דאַך,
זיך צעבילט בײַ אַלד דער הונט אויף דער קייט, אויף דער וואַך.
באַלעבאָס, צי אין הויז, צי בײַם שוועל, כאַפּט זיך אויף,
עפנט מויל, עפנט ציין — לאָזט זיך ווילד אין געלויף,
און נאָך אים לויפט זיין ווייב, און נאָך זיי יאָגט אַ קינד.
קומען נאָך, ראָד־אין־ראָד, גאַס־אין־גאַס, לאַבירינט.
לויפן אַלע שוין נאָך — אין אַ זון וואָס איז רויט —
נאָך די רעדעלעך פיר, נאָכן ליכטיקן ברויט.
נאָך געבוּיגענעם מאָן, מיט צעריסענע שיך,
נאָך געבויגענעם מאָן מיט פאַרבונדענעם דיך.

אַ פֿרימאָרגן

אַריבער דאַך און טורעם־שפּיץ האָט זיך די זון אַ בלוטיקע באַוויזן.
און ווי אַ גיבער־קריגער מיט זיין פֿינקלענדער געשטאַלט,
האָט זי מיט אירע דינע שפּיזן,
אַדורכגעשטאָכן שאַרף דעם רוים — דעם פֿענצטער פֿון דער וועלט,
און דורכגעשפּיזט די אויגן פֿון מויער און געצעלט,
די שטאַרע, נעפּלדיקע שויבן.
דערשראָקענע, צעשויבערטע האָבן יונג און אַלט,
פֿון ווינקלען, נאָרעס, בעטן זיך געהויבן,
און אייליקע אין טויזנט וועגן־שטעגן זיך געלאָזן,
ווי ציטערדיק־געטריבענע, אין יאַגד־פֿאַרפֿאָלגטע האָזן;
ווי קריגער מוטלאָזע, וואָס לויפֿן זיך באַהאַלטן,
אין גריבער־קוואָרעם־וויין, — אין שטיינערדיקע שפּאַלטן.

באַלד וועט די זון אין הימל־מיט זיך שטעלן,
און אַף דעם טויזנט־פֿעדימדיקן נעץ־געוועב,
— אין רויש זיך ווייגנדיקע גאַסן —
אַראָפּקוקן געלאַסן,
ווי ס׳קוקט אַ טפּיסע־שוימער, באַפּאַנצערט און באַלאָדן,
בײַ די פֿאַריגלט־שווערע שוועלן,
וואָס ווייסט, אַז הינטער די מיט אייזן־אויסגעגראַטע לאָדן
דורך טעג, דורך נעכט און יאָרן, —
וועט קיינזאַך, קיינער, קיינמאָל דאָרט ניט גיין פֿאַרלוירן.

ני-גאָם

גערונקענקייט, דערנער, פֿאַרשטייניקטע גריבער. —
געגראָבן, פֿאַרשאָטן — עס שטייען שוין שטיבער.

די ווענט ניט־באַוווינטע — זיך טוליען, זיך האַלטן,
אָן שאָטנס געשטרעקטע, אָן בלינדע געשטאַלטן.

און זי, די לעוואָנע — זי קומט שוין מיט טרוימען,
אַ שטוב — און זי כאַפּט שוין אַ קוק דורכן קוימען.

פֿון דאַך צו אַ דאַך, ווי אַף זילבערנע לאַנען,
ווי ס׳וואָלטן די הייזער דאָ אייביק געשטאַנען...

לודלאָו סטריט

יידן מיט פּעלצלעך און יידן מיט בערד,
יידענעס בּייכיקע — שוועסטער און ברידער!
גיי איך אַף לודלאָו סטריט — וואַכיקע ערד,
מיט מיינע פרעמדע, דערוויטערטע לידער.

איר זענט געקומען מיט האַק און מיט פּאַק,
שטערנס פאַרשוויצטע אין זוניקן טאַמעז,
לאָמיר זיך זעצן בּאַ אייך אַף אַ זאַק,
הערן די רייד פון די טאַטעס און מאַמעס.

טונען מיט עפּל און בּערגלעך מיט קרויט —
פורן און וועגעלעך — גאַס פון יארידן!
ווערטער פאַרוואָקסענע, פּראָסט ווי דיין ברויט,
שטויביקע, גלויביקע ערדישע יידן.

מאָנראָ, צי פּיט סטריט, אין קעלערדיק הויז,
לייכט נאָך אַ יאָנטעוו אַף טישן אַף ווייסע,
און אין באַגין אין פיר־ווענטיקן קלויז,
הערט איר דעם סאָף פון דער באָבישער מייסע.

אָ, לעגענדאַרישע יידן מיט בערד,
יידענעס אַלטיטשקע, שוועסטער און ברידער!
שלעפּ איך זיך אום אַף נויאָרקישער ערד,
מיט מיינע פרעמדע, דערווייטערטע לידער.

ראָטגערס סקווער

נאָך זע איך זי, די אָרעמע, פֿון הענרי סטריט,
(אַבי מע זאָגט, אַז אַלע ייִדן זײַנען רײַך געוואָרן!)
באַגינען שלעפּט זי זיך, די אַלטיטשקע, מיט שלורע־טריט,
אין האַנט אַ קעסטל, אַפֿן פּלייצע אַ פּאַק מיט יאָרן.

דער מאַרק אַף סאַפֿאָלק סטריט וווּ ייִדן קויפֿן עסן,
די אַלטיטשקע האָט ווילנער ברויטלעך צו פֿאַרקויפֿן.
אַ הילצערן קעסטל — אַפֿן קעסטל איז זי שיווע שוין געזעסן,
ווען ס׳איז איר טאָכטער דאָ אַוועק זיך טויפֿן.

— ברויטלעך, עסט געזונט! — אַ, ווילנער מאַרק, אָ, ייִדן
פֿון סלאָבאָדקע!
דער פֿייער־טאָפּ פֿאַרגליט, אַ שווערער געגנעץ,
אַ דרעמל קלעפּט זיך צו, זי זעט זיך אין אַ לאָדקע,
אַ מאַן געבויגענעם, זי גאַנוועט ערשט די גרענעץ.

און יאָרן קייקלען זיך, און קינדער זיך דערווייטערן,
און אַף די פּלייצעס וואַקסן אויס צוויי האָרבן.
און ער — דער מאַן אירער — אַ וווּנד טוט אייטערן —
— ער איז צו לאַנגע יאָרן אײַך, שעוועס־צײַט געשטאָרבן.

די זון דערציט. אַ טאָג אַוועק. מע לויפֿט, ווי פֿון יאַרידן,
(די אַלטיטשקע וועט ווידער קומען — אַבי ניט אָנקומען צו לײַטן.)
און באַם פֿאָנטאַן וואָס איז שוין טויט, דאָרט זיצן ייִדן,
דערציילן לעצטע מײַסעס פֿון פֿאַרצײַטן...

אַ ייִד

ער טראָגט אַ באָרד, אַ גראָע באָרד,
נאָר איזן איז ער גאָר אַ ייִנגעלע.
קען זיין — האָט גאָר נאָך ניט געלעבט,
די באָרד איז אים בלויז צוגעקלעפּט.
— האָסטו געזען אַ ביסעלע!
אין מיטן טאָג, אין מיטן גאַס,
ער קען אַ שפּרונג טאָן אויף אַ פּאַס,
אַ טאַנץ טאָן מיט אַ פּיסעלע
און אויסשטעקן אַ צינגעלע.

אויף סקווערן, ווו עס זידט און קאָכט,
אַ טאָג — הו־האַ יאַרידעלע!
ער האָוועט אום, ער שלעפּט אַ האַק,
ער שאַרפּט אַ זעג און פּאַקט אַ פּאַק —
און זינגט דערביי אַ לידעלע.
— ווער זענט איר? — איך בין בערל באַס!
שפּרינגט אום אויף שפּאַס פון גאַס צו גאַס
און פידלט ווי אַ פידעלע,
דאָס קליינע גראָע יידעלע.

פרויען

זיי רעדן גאַנצע טעג פאַרזאָרגט פון קראַנקייטן, מאַגייפעס,
פון אומגליקן אין אייגענעם און אויך אין פרעמדן לאַנד;
און כאַפּן זיך געהיימערהייט אַרונטער צו מאַכשייפעס,
צו זוכן זייער מאַזל אין די שפּאַלטן פון דער האַנט.

זיי טראָגן פולע קאָשיקעס — קאַרטאָפל, ברויט און מערן, —
אין הויז צעשפּרייט זיך האַרב און רוי דער רייעך פון דער ערד.
די קינדער זינגען, שפּרינגען אום, און זיי — אין הוילן קלערן:
ווער ווייסט וואָס ס'קומט אַנטקעגן אָן, וואָס מאָרגן איז באַשערט?

פאַרנאַכט. די שפּייזער קומען אָן פון שעפּער און פאַבריקן,
דאָס הויז ווערט פול מיט האַרטע רייד, מיט מאַן, מיט שווערן טראָט;
די ווייבער אופגעלעבט, באַנייט, מיט פינקלענדיקע בליקן,
זיי פרעגן פאָרשנדיק: וואָס טוט, וואָס הערט זיך דאָרט, אין שטאָט?

באַנאַכט. פאַרמאַכט. די מענער שווער, אין כראָפּנדיקן כריפּען,
די הענט און פיס צעוואָרפענע — געזעטיקטע מינוט:
און זיי, די פרויען, הייבן קעפּ מיט וואַכנדיקע ליפּן,
און פילן נייער לעבן שלאָגט און שפּראָצט באַ זיי אין בלוט.

זומער-נאַכט אַף אַלטשטאָט

הויך, הויך . . .
אַף די דעכער שלאָפן זיי,
באַ די נעסטן טויביקע . . .
אָרעמע —
און כאַלוימעס שטויביקע,
פון דער נידער, ווי די שפּינען,
דורך די נעכט און ביז באַגינען,
פוּיזן, זשאַווערן אַף ווענט —
פּים און הענט.

אַלטשטאָט איז אין שלאָף פאַרנומען,
נעפּלען — נעפּלען, פליגן — זשומען,
זומער־זום.
בריקן — טאָג צו נאַכט געגאַנגען,
טורעמס — נאַקעטע פאַרלאַנגען,
ווייט,
פאַרשייטע,
ניט־געדאַכט.
קריכט דער לעצטער מידער טראָט
איבער דאַך און איבער שטאָט —
נאַכט.

דער בעטלער אַף קאַנאַל סטריט

האָט ער זיך צעלייגט אַף מיין שטאַטישן וועג.
ער — מיט זיין געלביק - אָדערדיקער קני,
רוי און הויל; —
מיטן פייערדיקן שראַם
אַרום זיין אויסגעקרימטן, הענגענדיקן מויל;
מיט זיין אופגעשפּיצטער דערנערדיקער באָרד, —
ער, וואָס האָט אין וווּנדיקייט און שאַנד
אַף קוליעס מיך דעריאָגט אַריבער יאַם און לאַנד.

בעטלער אַף קאַנאַל סטריט!
אין בריאַזגיקן זיג־זאַגישן גערויש פון שטאָט
דערהער איך פּלוצלינג —
צי אַפן בריק, צי אַפן גראָ־פּאַרגליווערטן אַספאַלט —
— טראַט־טראַט.
האַרטע טריט,
קוליעס־טריט.
שלעפּט זיך אַ וווּנדיקע, פּאַרשפּיגענע געשטאַלט.
טעמפּע טריט,
טויטע טריט, —
וואָס פירן און באַגלייטן מיך — מיין גוף און זעל —
ביז צו מיין שוועל.

בעטלער אַף קאַנאַל סטריט!
ער — מיט זיין אָפּגעדעקטן, אויסגעשטעלטן בעטלען.
אין זיינע טרוקענע, שיטערדיקע בליקן,
וואָס ליגן אונטער מיינע טריט,
ווי דער שטויב אַף דר׳ערד,
האָב איך דערהערט:
— קליפּ־קלאַפּ
קלאַפּט אַ פּושקע: צדקה תציל ממות!
אַ לעוואַיע —
אַף אַן אויסגעטראָטענעם בעסוילעם שטעג.
גייט נאָך מיין טאַטע־מאַמע,
מיין יינגסטער ברודער און מיין עלטסטע שוועסטער;
פאַרבראָכענע הענט,
צעלאָזענע האָר —
דער גאַנצער דאָר.
— צדקה תציל ממות!...
— קליפּ־קלאַפּ!
— טראָט־טראָט!
קוליעס־טריט,
טעמפּ־שווער, —
טויטע טריט
אינמיטן אָנגעגליטן רויש פון שטאָט.

אָרעמע מענטשן

אָרעמע מענטשן — די קינדער פון פּראַצע,
קוויטיקע פּענעמער, בלאַטיקע פּים,
גליקלעכע לעבט איר אָפּ אייערע יאָרן, —
קוויטיקע פּענעמער בלאַטיקע פּים.

גריבער צעגראָבן, און וועגן צעאַקערט,
פּלייצעס געבויגן, געשוואָלענע הענט,
זונען פאַרגייען און גייען אויף ווידער,
פּלייצעס געבויגן, געשוואָלענע הענט.

רויקע שלאָפט איר די נעכט ווי געהאַרגעט,
וואַקסן אויס קינדער פון אונטער דער ערד.
בעטן די ווייבער: „אוי, ראַטעווע, יעזוס!"
וואַקסן אויס קינדער פון אונטער דער ערד.

זעק אַף די אָרעמס, די דיכן פאַרגאַרטלט,
קליידער פאַרלאָזן — אַ ריס אַף אַ ריס.
אומגליקלעך לעבט איר אָפּ אייערע יאָרן,
קוויטיקע פּענעמער, בלאָטיקע פּים.

אין דעם לאַגער פֿון די אָרעמע

ווער ס'איז געווען און האָט געזען די אָרעמקייט, די מיסטיקייט,
פֿון משערי סטריט, און וואָטער סטריט,
באַם ברעג פֿון שווער־באַלאָדענעם איסט־ריווער.
און האָט געזען די אָרעמקייט צעלייגט אַף פֿאַרפֿוילטע טרעפּ,
מענטשן מיט אַראָפּגעלאָזטע פּענעמער,
וואָס קוקט אויסגעגלאָצט, דערשראָקן, רוי און שטאַר,
אַף יעדן נייעם דורכגייער, וואָס גייט אין גאַנצע שיך,
און ניט געזען ווי אין די אויגן פֿון די שלעפֿער
זידט בייז, טליעט סינע אונטער אַש — — — —
דער איז בלינד.

ווער ס'איז געגאַנגען באַ די פּיערס, באַ די דאָקס,
און געזען די סקלאַדן, די לאָד און פּאַק־געשטעלן,
און געזען די ווייסקייט פֿון ברויטיקן מעל,
זיך וויגן אין לופֿט, אַף די אייזערנע הויב־מאַשינען,
און דערפֿילט אין די נאָזלעכער דעם רייעך פֿון פֿיש,

לאַנג־איילענדער געפאַנג,
דעם שאַרפן גערוך פון קאַפע — קובאַנער,
דעם געשמאַק פון פלייש, דעם שמעק פון זאַלציקן הערינג, — — — —
און ניט געזען מענטשן, ווי הינט,
ליגן אַף די בריקלעך, שטאַלן, טרעפ, און שנאַרן,
שאַרן מיט די יאַסלעס, און שאַרפן געלע ציין, —
דער איז בלינד.

ווער ס'האָט באַ דער זייט פון מיסטיקייט אין נאָענטקייט,
געזען די הונדערט־שטאָקיקע קאָמערץ־געביידעס פון נויאָרק,
דעם גאָלדענעם געמאַרק,
און דאָ אַלטע הייזער, קאַרק אַף קאַרק,
סאַלווייישאָן־אַרמי, קאַטוילישע שוועסטער, שטיקעלעך ברויט מיט זופּ,
און רייען, רייען, רייען, —
שטייען:
לאַנג־נאָזיקער גריך,
קינבאַקיקער נעגער,
לאַנג־פּאָנעמדיקער אירלענדער,
געמיש, געפלעכט, צונויפגעשטעפט, צונויפגעשלעפּט:

שארף־געזיכטיקער פיליפינער,
סלאוו, איטאליענער, ייד,
און סטאָם אַ מאַכנע, וואָס דער כויסעם פון די פּענעמער,
איז שוין לאַנג פאַרוועלקט, פאַרגעלט,
אראָפּגעווישט דורך גאוער, זשאַווער, שטינקענדיקן אַווער, — — — —
און ניט געזען, ווי ס׳בײלט זיך פּויסט,
ווי סינע וואַקסט און שפּראָצט,
ווי בּושע צו זיין אן אָרעמאַן ווערט קאָס,
ווערט פלאָם, ווערט בּליץ,
וואָס רייסט זיך שלאַנגיק, הויך, ביז צו דעם העכסטן שפּיץ, —
דער איז בּלינד!

פינגער פינף

פינגער פינף — באַקאַנט און אומבאַקאַנט; —
עס האָט פאַר מיר באַוויזן זיך מיין אייגן האַנט.
אַ וואַרעמקייט יאָגט דורך און שלאָגט זיך אָן די נעגל אָן —
מיין טראָט ווערט לויז, פאָרויס — מיין האַנט — מיין פאָן.

צוגעטוליעט — אויסגעשפּרייט; אָט געצווימטע אין אַ פויסט.
ס'ליגט מיין וועג מיר נאַקעט ערוועדיק אַנטבלויזט; —
איז מיין האַנט נאָר מיר געבליבן, ברענט ווי אָנגעגליטער שרויט —
פינגער פינף — זיי בייגן זיך, באַוועגן זיך אין אָנגעזיכט פון טויט.

מיין אויג זעט אַלץ — עס האָט דער בוים געבליט, עס שטייט דער בוים צעדאַרט:
מיין אויג קוקט העפקערדיק אַף אַלץ צי איז דאָס שלעכט צי גוט;
מיין האַנט — זי ליגט פאַר מיר און גליט און וואַרט —
און הייבט זיך אוף נאָר דאַן ווען ס'הייבט זיך אוף מיין בלוט.

ווער זיינען זיי, די קאַליקעס, מיט הענט פאַר בעטל־ברויט?
ווו שלעפּן זיי דעם צייכן אויסגעקריצט אין שוואַרצער נויט?
מיין בלינדע עלטער־באָבע שאַרט זיך שעפּטשנדיק פאַר זיי פאָרויס:
— וואָס קען אַ מענטש דען טאָן מיט לײדיקע פינף־פינגער בלויז?

איך, אייניקל — איך לאָז זיך גיין אַף גאָטס באַראָט!
פינגער פינף — האָפנדיקער, שטאַרקער טרעט מיין טראָט.
איך שטעל איצט אַלץ אין קאָן —
עס האָט פאַר מיר אַ וויי געטאָן מיין האַנט, מיין פאָן.

פֿאַרנאַכט

ס׳פֿאַלט נידעריק אַראָפּ דער טאָג, און ס׳הייבט זיך אויף די נאַכט;
איך פֿאָר אַהיים, די הויך־באַן פֿליט, איך קוק אַרויס און טראַכט.

פֿון וואָס? געדאַנקען בינדן זיך און רייסן זיך אַפּסניי,
ווי שטיקער ווענט, ווי ביימער־שפּיצן — יאָגנדיק פֿאַרביי.

ס׳ווערט נעפּלדיק; כ׳דערפֿיל זיך פּלוצלונג אָוונטיק, אַליין,
און אַ געבעט קוועלט אויף אין האַרץ — געבעט ווי אַ געוויין:

— זאָל פֿרידן, רו באַגעגענען מיך בײַ מײַן שוועל — מײַן וואַך —
ווי רויק ס׳איז אין נעסט פֿון שוואַלב, וואָס ווינט בײַ מיר אין דאַך.

מײַן עלטסטע קינד — ווי ליכט אין נאַכט — זאָל ווינקען דורכן שויב,
און זי, מײַן אויגיק אויפּעלע, זאָל וואָרקען ווי אַ טויב.

מײַן פֿרוי, וואָס מיט איר שטילן שײַן מײַן יעדע שאָ באַגלייט,
זאָל זעצן זיך מיט מיר בײַם וואָכעדיקן טיש געגרייט.

אין שטילע רייד, ווי ס׳האָבן מאַמעס אונדזערע גערעדט,
מיר זאָלן האָפֿן, בענקען, פּלוידערן אַזוי ביז שפּעט.

און ווערן זאָל מיר קלאָר מײַן לעבן, — פֿון מײַן וויגל אָן, —
און גוט וואָס איך האָב שוין געטאָן און גרינג וואָס כ׳וועל נאָך טאָן.

אַנטשוויגן ווערן גליקזעליק, ווי ס׳שווײַגט בײַם הויז דער בוים,
און בענטשן איבער זיך דעם דאַך, די שטערן ווײַט אין רוים.

דער נעפּל ציט, די הויך־באַן פֿליט, איך קוק אַרויס און טראַכט —
דער טאָג פֿאַלט נידעריק אַראָפּ און ס׳הייבט זיך אויף די נאַכט.

קינדער

אין מיר פּלאָנטערן, מישן זיך טענער
פון דער זייט און פון יענער.
און אַרום מיר ווינען איטאַליענער
מיט גיכע רייד, מיט היימישע ווייבער און היימישע פּענער.
און אַז מיין מיידעלע —
וואָס איז גראָד פון יעדן קלענער,
און עפּשער שענער, —
רעדט אויס אַ יידיש וואָרט —
שפּרינגען די קינדער אַרום איר ווי הענער —
— זע נאַר!...

אין גאַס

די גאַס איז אופגעקאַכט — געיעג געליאַרעם!
היסטעריקע פון מאַבישן געווימל!
ווי קען איך דאָ, אַמעריקע, אין פעלקערדיקן האַרעם,
ראַטעווען מיין וואָרט — מיין שטיקל ערד, מיין פיצל הימל!

די רעדער גרילצערן — 'טאַליענער און כינעזער,
און יידן, נעגער, אַלע'קע — אַ כאַכעמל, אַ טאַמל . . .
און אויג אַף אויג — פאַרדעכטיקע, מע קוקט זיך אַף די נעזער,
און איינער צו דעם צווייטן גיט כאַראַטעדיק אַ שטאַמל.

סיגנאַלן קרייצן זיך — אַ הונט פאַר טירן, שוועלן,
ער יאָגט מיט ביסן בלוטיקן צו קייען ווו געהיים —
אַזוי יאָג איך אָפטמאָל דורך סאַבוויים און טונעלן,
און טראָג מיין יידיש וואָרט מיט זיך, און לויף צו זיך אַהיים.

די קוימענס רויכנען, די רעלסן פינקלען איבער טייך, — — — —
אָט קומט זי שוין, אָט איז זי דאָ — די לאַנג־דערוואַרטע שאָ:
ליגט אוים זיך אָס נאָך אָס, אַ שורע — רעלסעדיק און גלייך,
און דער פון שורע קוועלט אַרוים אַ מאָדנער בלאָ.

איך זע אַ זיכערדיקע רעלס אין ווייט, — האַלב העל, האַלב ראַסט,
ווי איינע וועלכע ליגט פאַרשאָטנט אין אַ טויעדיקן טאָל —
און פון דער שורע שאַרף, מיט וואַרעמקייט און פראַסט,
בלויט אוף פאַר מיר אַ שיין, מיין היינט און מיין אַמאָל.

נאָך דער לעוואַיע

אַז ייצכאָק אייזיק*) איז געשטאָרבן —
האָבן מיר אים פאַרברענט.
און סירקינען*) האָבן מיר געטראָגן אַף די הענט
צען אוויילים שטאַרק,
אַף דעם ליים פון זיין קייווער געטראָטן,
מיט געבויגענעם קאָפ און געבויגענעם קאַרק, —
באַגראָבן, באַשאָטן —
אַראָפ פון מאַרק.

דערנאָך זיינען מיר זיך צוזאַמענגעקומען
אין „ליטעראַרישן קאַפעי".
— העי,
— וועיטער!

לעוואַיע־באַגלייטער
האָבן געטרונקען טיי
און געפלאַפלט נאַכלעסיק און גערעדט
ווער סע שטאַרבט פרי און ווער סע שטאַרבט שפּעט.
דערביי האָט איינער אומעטיק געקוקט
אין די אויגן פון דעם צווייטן:

— נו, מע דאַרף זיך נעמען גרייטן,
— ווער וועט ווענקען באַגלייטן!
— באַלד וועט שוין אָנקומען אויף אונדזער ריי.
און נאָך אַ ווייטיק האָט ווערעמדיק אין האַרץ גענומען גיין:
אַז ס'איז אונדז — יינגערע און גרינגערע,
אומעטיק אַזוי — אַ שרעק!
צו בלייבן מיטן ביסל יידישקייט אַליין
אַף איסט בראָדוויי
אָן זיי —
וואָס זיינען אוועק —
גלויביקע,
העל־אויגיקע.

— העי,
—וועיטער,
— טעי!
לעוואַיע־באַגלייטער —
פון אונדזער ליטעראַרישן קאַפעי.

---

*) ייצכאַק אייזיק הורוויטש; דר. נאַכמען סירקין.

אין די פּוסטריט פון גלוויביקן

דוד פּינסקין —

יידן גייען, גייען אין די גאַסן,
אין די עוועניוס, אין די מאַרקן פון נויאָרק, — — —
מיט די יידן דורך די אייַלנדיקע מאַסן,
מיט די יידן דורכן טומלענדיקן טאָרג, —
גייט ער מיט זיין הויכן שטערן, מיט די זילבערדיקע האָר,
גייט ער, זעט ער העלע טרוימען אָפּן וואָר:

יידן בויען, יידן טראָגן ליים און שטיינער,
אין די טאָלן לעבן אויף פאַרדאַרטע ביינער;
ווו אַ ייד — איז דאָרט אַ יישעוו, ווו אַ יישעוו — דאָרט אַ קישעף.
איז דאָס בירא, צי טעל-אָוויוו, פון כאַסלאָוויטש ביז בערדיטשעוו.

קאַראַהאָדן — אָנגעלאָדן שווימען שיפן, פּיאָנערן,
פּיאָנערן, ווי די שטערן, לייכטן איבער אַלע סקווערן.
אין די פּאַלעס, אין ראָגאַזשעס, אין די טאָרבעס, אין די זעק, —
ליגן אויצרעס נאָך באַהאַלטן פאַרן ווייטסטן וועג.

רעדער אונטן, רעדער אויבן — איבער הענגנדיקע בריקן,
מיט די מאַסן, דורך די מאַסן, אין די שטראָמענדיקע רייען —
גייט ער — שמייכלענדיקער פּאָנעם, טרייסטנדיקע בליקן:
יידן וואַקסן, יידן בויען, יידן אַקערן און זייען.

אין ווייסן ליכט

כ'בין אַ ווײַלע פֿון דער טומלדיקער שטאָט אַרויסגעפֿאָרן, —
איך האָב ליב דעם טומל, כאָטש איך בין דאָרט ניט געבוירן.

פֿאַלט אַ דינער שניי אויף שנײַ וואָס איז שוין לאַנג געפֿאַלן, —
יאָגט די באַן און וואַרפֿט פֿאַרויס די רויטיקע סיגנאַלן.

ווײַטער, ווײַטער פֿון די עוועניוס אויף די שטאָל־געבייטשטע שנורן —
אָפּגעריסן בלײַב איך איבער — ניט קיין טריט און ניט קיין שפּורן.

קוק איך, שווינדלט אין די אויגן — ניט צו זען און ניט צו טראַכטן —
דורכגעריסענע, ווי נעפּל, שוועבן נאָענטע פֿאַרנאַכטן.

ווײַבע ביימלעך, ווײַסע בײַטן, רײַוויײַז נידערן אין טאָלן, —
אויסגעוועבטע, הוילע צווײַגן — קינדערשע אַמאָלן.

זע איך קעפּלעך־רויך זיך טוליען, אין די גראָבנס זיך פֿאַרטײַען, —
דוכט מיר ווײַסע שאָף אין שטאַלן הונגעריקע שרײַען.

זע איך סטעזשקעלעך פֿאַרשווינדן, וויקלען, דרייען זיך, ווי שלאַנגען,
דוכט מיר קיינער איז אויף זיי נאָך קיינמאָל ניט געגאַנגען.

קריכן, רײַסן זיך צו פֿלויטן, וווּ אין קישעף, ווײַס־באַהאַלטן, —
שטייען שײַערן מיט קאַלטווו, שטייען ליכטיקע געשטאַלטן.

זינגט אַרוים פון האַרץ אַ ניגון: לאָמיר גיין אַף שמאָלע וועגן,
ניט קיין קישעף איז — אַ יישעוו, מענטשן קומען דיר אַנטקעגן.

מענטשן קומען, קינדער שפרינגען, פערד צעהירזשען זיך אין שטאַלן,—
לויפט די באַן און וואַרפט פאָרוים די פונקיקע סיגנאַלן.

קומט אַ ווייסער ווינט צופליען און ער נעמט זיך אַלץ צעבלאָזן —
איך האָב ליב די שטילע פעלדער כאָטש איך האָב זיי לאַנג פאַרלאָזן.

דינער שניי

דינער שניי אַף שורעסדיקע בייטן,
שורעס, אויסיעס, איינער לעבן צווייטן.

צי באַנאַכט, באַגינען — ער איז ניט געבליבן —
עמעצער האָט אַף די בייטן עפּעס אָנגעשריבן.

פּאָרט אַ פּערדל, הירזשעט, אָטעמט מיט די ריפּן,
און דער פּויער נישטערט, מורמלט מיט די ליפּן.

קומט אַ הונט צולויפן מיטן עק פּאַריסן,
ביימלעך שטייען, שווייגן, ווי זיי וואָלטן עפּעס וויסן.

ראָיעט הונט און וואָיעט — וויל ער זיך דערגראָבן —
אַפן אייז שפּאַצירן גלייכגילטיק די ראָבן.

יאָגט די באַן פּאַרויכערט אַף דעם וועג געדרייטן,
ווייסע אויסיעס בלענדן אַף די שוואַרצע בייטן.

אַ טייך

אַט איז אַ טייך — ניט געשטילט, ניט געפרוירן, —
ליגט פּאַזע בּרעגן דער ערדיקער פראָסט.
שייערן, שטיבּער אין שנייִיקן ראָסט.
בּיימער צעשיידטע אין נאַקעטקייט גלייך, —
ציט דורך פאַרפרוירנקייט קוואַליקער טייך,
גייט אַזוי איינפאַך, געוויינלעך און פּראָסט,
פּאַלד נאָך אַ פּאַלד — פּאַר געוועזענעם וואַלד.
קומען פיר טויבּן צו נעמען אַ טרונק,
דריי זיינען ווייס און די פערטע איז שוואַרץ,
פליטער און ציטער, אַ זופּ און אַ טונק,
שפּילנדיק ווערן די טויבּן פאַרלוירן, —
יאַנואַר־טייך — ניט געשטילט, ניט פאַרפרוירן.

הינטערן שטאָט

קליינע שטעטלעך טוליען זיך צו נויאָרק,
קרומלעך בייגן זיך די צאַמען;
דערפלעך שרעקן זיך און קומען, —
אַלע רוקן זיך צוזאַמען.

לאָקאָמאָטיוו־רויך און רעלסן
ברענגען נענטער און צעשניידן;
ווילט זיך זאָגן: שטילע היימען,
קיינער וועט די שטאָט פאַרמיידן.

יאָגט די באַן און באַ אַן אַקער
שטייט אַ פּויערל אין זאָרג.
ווילט זיך זאָגן: אַ גוט מאָרגן,
היט זיך, באַלד קומט אָן נויאָרק.

שטאָט קומט אָן פון אַלע זייטן,
פליט אַף פליגל, שפּרייזט אַף שטאָלן;
פלייצט פאַנאַנדער און צעגיסט זיך
איבער אַלע בערג און טאָלן.

הייזלעך הייבן זיך אַף פלייצעס,
שפּאַנען איבער אַלע צאַמען, — — — —
דערפלעך שרעקן זיך און קומען, —
אַלע ווילן זיין צוזאַמען.

באַם דאָרפישן ברעג

באַ דעם דאָרפישן ברעג,
הינטער שטאָט, הינטער שטיין,
כ'האָב דערזען אַ שטיק ערד,
אַזוי אַלט, אַזוי ריין,
אין פאַרפראָסטיקטן האַרט,
ליגט אין שוואַרצקייט און וואַרט.

כ'האָב אַ פאַל טאָן געוואָלט,
צום פאַרבליבענעם אָרט,
צו פאַרצייטיקער ערד
אַזוי רייף, אַזוי רוי,
און מיט טרייסטיקן וואָרט,
איר אַ זאָג טאָן אַזוי:

— וועט זיך הייבן די וואַנט,
אַף פאַרמוסקולטער האַנט,
וועט זיך רוקן מאַשין, —
אָבער דו, אין דיין גרין,
אין דיין טרעריקן טוי,
דו וועסט בלייבן אַזוי.

וועט זיך בויען די שטאָט,
שטאָק אַף שטאָק ניט צום צייל,
און ווי ריזיקער קראָט,
זיך פאַרגראָבן אין קויט,
אין טונעל, הייל אַף הייל, —
אָבער דו מיט דיין ברויט,
מיט דיין שוואַרץ, מיט דיין שיין, —
ביסט געוועזן און וועסט זיין!

מערץ

דער ווינטער רויכערט זיך אַריבער דעכער,
עס ווערט דער ווינטער, ווי פאַרברענט.
די נעפּלען טוקן זיך, די הימלען ווערן העכער,
עס פּלאַצט אין האַרץ: דער פרילינג האָט גענענט!

באַלד וועלן זיך צעפּראַלן טיר און טויער,
די שטאָט וועט שטראָמענווייז אַוועק.
און הינטער שטאָט מיט טריט מיט לייִמיקע דער פּויער
וועט גיין צום האָריזאָנט אין אַקער־שטעג.

ווערט ליכט, ווערט לייכט. די ערד ווערט ליבער, נענטער.
אַ מענטש דערפילט: ער האָט נאָך הענט.
דער ווינטער פאַלט צונויף — פאַרוויכערטער, פאַרברענטער, —
נעם זינג און זאָג: דער פרילינג האָט גענענט.

איך האָב באַזונגען...

איך האָב באַזונגען שוין דעם טרעמפּ מיט זיינע קאַליע אויגן —
און פאַר דעם בעטלער מיט זיין פייערדיקן שראַם,
פאַר זיינע קני מיט געלער הויט באַצויגן,
האָט זיך מיין ליד האַכנאָעדיק געבויגן,
דער טרויער פון דער וועלט איז טיפער נאָך פון יאַם.

אין קליינעם שטעטעלע אַמאָל אין מיטן אינדערוואָכן,
האָט זיך אַ מענטש צעזעצט מיט רויע הענט אַף דר׳ערד.
דער מענטש איז ווי אַ כייע אומגעקראָכן,
ער האָט געוויינט, געשלוכצט — די הענט געבראָכן,
פון יענעם טאָג האָב איך זיין טעמפּן קאָל געהערט.

מיין ליד, מיין ליד, מיין ליכטיקייט, מיין ווייטער רעגנבויגן!
פון אַלע לידער בלייב איך אומעטיק און קאַלט.
אַן אָנגעלאָדענער האָב איך געצויגן
מיט כאַלעם און באַגער — ס׳איז ניט געשטויגן! —
צעשפּליטערט אַלע רייד פאַר וואונדיקער געשטאַלט.

איך קוק אַף זיי — ס׳איז יעדער וואָרט אַן אָפּגעדעקטער קנאָכן,
פון אַלע אויסיעס טריפט אַ ברענענדיקער סאַם.
איך שעלט דעם טאָג אין יענעם אינדערוואָכן,
ווען ס׳איז דער אָרעמער פאַר מיר געקראָכן,
ווען ס׳האָט פאַר מיר אַ שיין געטאָן זיין פייער־שראַם.

ב. הארבסטיקע פייערן

צום פּאָעט

פּאָעט —
אין דיינע אויגן שימערט אונטערטעניקייט,
האַכנאָע, צאַם.
ווי אונטערטעניק ס'איז דער טייך צום ברעג,
ווי אונטערטעניג ס'איז די זי —
וואָס טראָגט, געבערט.
ווי ערד —
וואָס נערט און פרוכפּערט אַלץ וואָס לעבט אַף אירע שוואַרצע הענט.

אַריבער דיר דער ווייטער רוים,
דער שטילער, שטערנדיקער
האַכנאָע־שיין.
געדולדיקייט, פאַרגעבונג —
צו בייזע רייד,
צו סאַמיקייט, צו לייד.

נאָר אַז פאַרצוקונג קריכט אַרוים מיט גלימצערנדיקע ציין,
און אַז עס הייבט די רישעס אָן פאַרשפּרייט צו גיין,
ווי פּיסלעך פון אַ ראָק —
דאַן ווערט דיין וואָרט — אַ האַק,
דיין בליק — אַ שפּיז,
פאַר טירן וואַקסט פאַנאַנדער זיך אַ ריז —
דיין טראָט — אַ שטראָף —
ביז ס'קומט דער סאָף!

די סרייפע

פייערן, —
פון וואָרצל אויס,
פון שוואַרצן אויסגעזייגטן גרונט
אַרויף, — —
און פון דעם אָפּגעבליטן שפּיץ
אַראָפּ — —
אַ רויטער ציטער — ווי אַ רויטער בליץ —
האָט דורכגעיאָגט דאָס בוימערדיקע האַרץ,
האָט אָנגעפלאַמט דעם גוף פון אונטער דער צונויפגעשרומפּטער קאָרע־הויט, —
אַף צווייג און בלאַט זיך אויסגעשפּרייט,
און אָנגעצונדן רויט דעם גאַנצן בוים, —
אַ בוים אין אַן אָקטאָבער־טאָג.
— רויט, —
— האַרבסטיקער פייער.
— הייסער אָטעם פון טויט.

און אַז עס האָט דער ערשטער בוים אין שטאַרבנדיקן פייער זיך צעברענט, צעגליט, —
איז באַלד דער רויטער פיבער — ווי געטראָגן פון אומזיכטבאַרע הענט און טריט —
אַריבער אַפן צווייטן בוים, אַפן דריטן, — —
און קיינער איז פון פייער ניט געוואָרן אויסגעמיטן.

מילי־מיליאַסן צווייגן, מילי־מיליאַסן בלעטער,
אַ סרייפּע אַף מײלן און מײלן!
און איבּער אַלע גליענדיקע, טליענדיקע ביימער. —
אַ זון אין פאַרנאַכטיקן נעפּל פון אַש.
אַ פייגעלע אַנטרינט פון נעסט,
אַ פעדער אין די פיסלעך צונויפגעפּרעסט,
און רופט: —
— וויף — היף, — —
— העלפט, ראַטעוועט!

— „אַ דאָרן ברענט און ווערט דאָך ניט פאַרלענדט".
נאָר האָט דאָס פייער אינעם האַרצן פון אַ בלעטערדיקן בוים
זיך אָנגעצונדן —
געקומען איז דאָס פייער פון פאַרלענדונג,
— רויט, —
— הייסער אָטעם פון טויט!

אופשטאנד

אופגעוויטערט,
אופגעציטערט,
און ס׳האָט דער בוים זיך ניט געשטילט
ביז ס׳איז דער לעצטער בלאַט —
פאַרלענדט,
פאַרצערט, —
אראָפּגעפאַלן צו דער ערד.

זון און ווינט. אָקטאָבער־ווינט, נעפּל־ווינט.
פון הינטער נעפּל ווערט די זון צונויפגעגאָסענער, געדיכטער.
אָקטאָבער־גלי אַף די געזיכטער.
דער בוים — מיט איבערזעט באַשווערט
האָט מיטאַמאָל אַ ריס געטאָן זיך פון דער ערד —
ארויף־אראָפּ,
געמיש —
קאָפּ אַף קאָפּ און האַנט־אין־האַנט —
ריס, ריס, בלעטער־ריס, —
רייסט דער בוים פון זיך די בלעטער,
בלעטער — פאַרעטער —
האַלב־גרין און האַלב־רויט
בלעטער וואָס האָבן געשלאָסן אַ בונט מיטן טויט.

נאַקעט, נאַקעטער, נאָך נאַקעטער.
נאַקעטער קאָפּ —
הויך, העכער — ביימער ריזן !
האָבן זיך אין נאַקעטקייט באַוויזן
הענט, אַזוי פֿיל אָפּגעדעקטע הענט, —
אַף יעדער האַנט, אַף יעדן מינדסטן פֿינגער
זונען־גליטער —
זילבער־שפּליטער.
גלי —
האַרבסטיקער בלי —
וועט וואַקסן, וועט בליען —
ניט איצטער איז שפּעטער.
און באַ די פֿיס —
ריס, ריס, בלעטער־ריס,
בלעטער האַלב־גרין און האַלב־רויט,
— טויט !

ווי זי אָנ ען

טופּעריי, קלאַפּעריי — הילכנדיקע פּויקן און טאַצן
זיי קומען די נאַכט דערשרעקן.
סרייפעס אַף הענט געטראָגענע — פונקן־שפּריצנדיקע ליכטער,
שטורקאַצן, —
צינדן אָן די נאַכט פון אַלע עקן.

טראָטן אַף טראָטן — לייבער אין לייבער געקנאָטן;
דאָס בלוט אין די קנעכטישע אָדערן האָט אופגעזאָטן.

אויגן, ליכטער, פאַקלען —
דערנענטערן זיך, דערווייטערן.
טריט אָפּגעשטאַנענע וואַקלען
אין אייגענעם פלאַם זיך צו לייטערן . . .

קום, כאַוער, די ערד ווערט פאַרסאַרפעט — אַף צווייען צעשפּאָלטן,
באַלד און מיר פאַלן אין בראַנדיקן נידער פאַרשאָטן פאַרשאָלטן.

האָלעוועשקעס

פון אַ זייטן־געסל פאַרביי מיין שטאַטישן וועג
אין אַ האַרבסטיקן פרימאָרגן,
איז צו מיינע נאָזלעכער פּלוצים דערגאַנגען
אַ רויך־געֶרוך.
אַ פייערל פון העלצלעך, ברעטלעך אַפן ראָג.
האָלעוועשקעס ניט דערברענטע, קוויליק־געקאַרבטע —
סטאַרטשען אַרוים פונעם גלי.
טופּעריי פון פרימאָרגנדיקע, איילנדיקע טריט,
קלאַפּעריי פון טירן, שלעסער, שטאַנגען —
יאָגט זיך געשטאַלט נאָך געשטאַלט,
און נאָך זיי דער סקריפּנדיקער רעדער־גוואַלד
— גוואַלד, —
בעהאָלע.

מיינע נאָזלעכער האָבן שווער אופגעציטערט;
אַזוי מיסטאָמע ציטערן אויף די נאָזלעכער פון אַ הונט,
וואָס דערשמעקט דעם רייעך פון היימישן גרונט...

אַלץ ווילדער ווערט די בעהאָלע.
פון אַלע זייטן און ווינקעלעך טופּנדיקע טריט,
לויפן, אַנטלויפן — — —
סאַזשיקער, שווערער געֶרוך,

האָלעוועשקעס ניט ׳ ערבּרענט,
קויליק־געקאַרבּטע —
ביינער,ריפּן, סקעלעטן, —
קינדערשע פּיס און הענט,
אַש פון פּאַרסאַרפּעטע ווענט.
יונג און אַלט —
געשטאַלט נאָך געשטאַלט
אין לויף, אין געלאַף;
קלאַפּעריי פון טירן, שטאַנגען,
בּליפּנדיקער, סקריפּנדיקער רעדער־גוואַלד,
— גוואַלד, גוואַלד. — —

רוישיקער, ראַשיקער ווערט די בּעהאָלע.
לאָז איך זיך אויך — ווי אַ הונט אין אויסגעשטרעקטן
שרעק —
מיטן געלאַף אַף מיין שטאָטישן וועג.

צוויי יידענעס באַם יאַם

צוויי יידענעס אין צוויי פאַטשיילעס זיצן באַם ברעג פון יאַם.
איבערן יאַם —
נעפּל.
הינטערן נעפּל,
אַ פאַרשטיקטער זונליכט אין מאַרעוו.

צוויי מאַסטן —
אָנגעצויגן שטום —
הייבן אַרויס די קעפּ פון אַשיקן פלאַם
און קוקן זיך פאַרגליווערט אַרום.

די יידענעס הויקערן זיפצנדיק איין די פּלייצעס —
זיי טראָגן לאַסטן
פון שאָען, יאָרן —
פאַרלוירן.

די מאַסטן —
טראָגן אַ שיף מיט שווערע באַלאַסטן,
רירן זיך,
דערנענטערן זיך,
פאַרגליווערטע,
צום פאַרשטיקטן פייער אין מאַרעוו.

די יידענעס מיט די פאַטשיילעס קלייבן צונויף אַ פּאָר שפּענדלעך —
— פייער צוגעדריקט צום אַלטן הארצן —
די קאַלטע ביינער צו דערוואַרעמען
אין פראָסטיקע, זאַווערוכיקע נעכט — — —
— אוי, גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען! . . .

צווייגן

איך — אַז איך דערזע די האַרבסטיקע ביימער
מיט זייערע שטאַרע, אָטעמלאָזע צווייגן,
פֿאַל איך אַריין אין אַ שווייגן.
מיינע טריט ווערן שטיל און פֿאַרלוירן —
אַזוי איז עס איצט, אַזוי איז געווען פֿאַר־אַ־יאָרן.

וואָלקן־שטיקער — צעריסענער אומעט פֿון האַרבסטיקן אָוונט,
גליווערן אַפֿן פֿאַרלוירענעם הימל, האַלטן זיך צוזאַמען.
דערמאָן איך זיך פֿלוצלונג מיין מאַמען —
האַרבסטיקער, היימישער אומעט אין מאַמעס האַרץ אָנגעלאָדן
האָט פֿלוצלונג אויפֿגעטונקלט פֿאַר מיר אַף פֿרעמדן באָדן.

טונקל. טונקעלער. פֿאַרשפּעטיקטער פֿויגל; אַ פֿלי, ווי אַ בויגן —
צי איז דאָס שפּיל, צי בלאָנדזשען — ווער קען וויסן.
די וואָלקן־שטיקער רוקן זיך צונויף — ווילן ניט זיין צעריסן.
און זיי, די ביימער, דוכט מיר, ווערן העכער, שטייגן —
און שטעכן דורך די טונקלקייט מיט שפּיציקע, מיט אָטעמלאָזע צווייגן.

זון, זון, זון!

וועלקייט טוט אין גאָלד זיך וויקלען, דאָרן,
זון, זון, זון!
אַז מיר וועלן אונדזער מאַזל נאַרן,
וואָס וועט זיין דערפון?

כ'האָב אַ קוק געטאָן היינט דורך די שויבן:
אוים!
ס'האָט דער האַרבסט שוין הונגעריק, ווי צו רויבן,
אַרומגערינגלט אונדזער הויז.

קינד, מיין קינד, דו מיט די שוואַרצע אויגן —
טשיר, טשיר, טשיר.
פויגל איז פון אונדזער דאַך פאַרפלויגן,
נו, זינג איך פאַר דיר.

דו אין אַלטקייט פיר מיך, ווי אין שייער,
טריט בײַ טריט.
כ'זאָל זיך דאָרט גראָיק, ווי אַ קאַץ בײַם פייער,
וואַרעמען בײַם ליד.

שווייגן

אין בלעטערפאַל — ווי לייכט דאָס אויף
די צייט פון בליען!
טרעט טראָט אַף בלאַט, מיט פייגל, זאַט —
וועל איך פון דאַנען ניט פאַרפליען!

פאַר מיינע טעג, פאַר שוועל און וועג —
אין אָפּפאַל פון געזאַנגען,
דורך ביימער דאַר, דורך צווייגן קוואַר,
מוז זון צו מיר דערלאַנגען.

אַף שוואַרצקייט — שיין פאַרגליט, פאַרקילט,
די ערד ליגט ווי אַ שפּיגל.
אין נאַקעטקייט מיין וואָרט, געשטילט,
שוועבט אויף אַף לייכטע פליגל.

ווען ניט דער בוים אַהינטער צאַם
אין שווייגעניש פאַרטריבן —
וואָלט איך מיין ליד, געציילטע רייד —
פאַר קיינעם ניט געשריבן.

אין אַ האַרבסטיקן פֿרימאָרגן

פֿרימאָרגן קריכט אַרום אַ נאַקעטער אַף אַלע פֿיר.
עס שלאָפֿט די שוועל פֿאַרנעפּלט באַ דער טיר.

בוים אַרומגעריסן; הויז — ליימיק, שווער,
דאָס קאָל פֿון טאַטע־זומער ניטאָ שוין מער.

שטרעקט אָדערדיק פֿרימאָרגן אויס זיין בלייכע האַנט,
רייכט אַ לעצטן בלאַט — אַ צודעק פֿאַר זיין נאַקעטקייט און שאַנד.

האַרבסט. אויס שפּראָץ. אויס בלי. עס איילט זיך ניט די זון
פֿון וואָלקן אויס — וואָס וועט זי האָבן דען דערפֿון?

איז, — קריכט פֿרימאָרגן אום אַ נאַקעטער אַף אַלע פֿיר,
און קלעפּט זיך צו דער שוועל — אַ מאַמזער באַ דער טיר.

אין מיטן זומער

אין מיטן זומער־היץ, אין יולי, איז פּלוצלונג קאַלט געוואָרן.
דער רונדער לינדן־בוים האָט ווי פאַרלוירן
אַ האַרץ געטאָן, אַ צי געטאָן זיך הער־און־הין,
און נאָכדעם איינגעשרומפּן, צעטויפגענומען זיך מיט בלאַט און צווייג:
— שווייג!
ווי ס'קאַרטשעט זיך איין אין ווינקל אַ שפּין
און וואַרט און האַרט אין אָקשאָנעסדיקן שרעק,
עס זאָל פאַרביי, אַוועק
דער דראָענדיקער, פרעמדער טראָט.

פאַרפלויגענע אין שטאָט —
פייגל מיט פליגל אַראָפּגעלאָזן
געקומען זיינען צו מיין טיר צו זוכן ברעקלעך ברויט,
ווי ס'וואָלט שוין זיין פאַרווּיסט און טויט
דאָס גראָזיקע און ווימלענדיקע פעלד.

אַ האַרבסט־ווינט האָט באַנאַכט אַדורכגעיאָגט
און הינטער זיך געלאָזן
וואָלקן־שטיקער — שוואַרץ און שווער און אָפּגעלאָזן.

מיין ווייב, וואָס האָט ערשט נעכטן זיך געקלאָגט:
— איך ווייס ניט ווי מען לעבט, ווי היים!
קוקט איצט אין פענצטער מיט אַ פאַרשנדיק געזיכט:
— ווער האָט זיך דאָס געריכט! —
אַן אַלטער שאָכן האָט מיך היינט אין גאַס געטראָפן
און אַרויסגעברומט:
— הארבסט, גיי וויים!...

הארבסט אין מיטן זומער. עס פאַלן טראָפּנס איינציקווייז אַראָפּ;
עס בייגט די זון־רויז אומעטיק, באַשווערט, איר ניט צעבליטן קאָפּ.
אַ זון איז געווען, אַ זון וועט ווידער זיין.
נאָר וועמען ווארעמט דען דער נעכטיקער, צי מאָרגנדיקער שיין?
דערווייל קוקט ערד און רוים פאַרשטאַרט.
דער וואָרצלדיקער בוים נאָר שטייט און וואַרט.

האַרבסט

לײַנען־װײַסקײט אַף מײַן בעט פֿאַרצױגן,
ברײט און בלענדט די װײַסקײט מיר די אױגן.

קוקט דער געלביק־גראָער פלאַקס מיט טױזנט אױגן,
בלוט פֿון זונען, זאַפֿט פֿון אָפּגרונט אײַנגעזױגן.

בײַטן אָונטיק זיך נײַגן ; נאַכט — צו מאַרעװו אױסגעצױגן,
און אַריבער זײ פֿאַרװױגטע, איז אַ בלאָקײט אױסגעבױגן.

קלינגען האַרבסטיק שאַרפֿע קאָסעס, מערן זיך די גאַרבן, סטױגן,
און דער זומער מיט די זונען — ניט־געשטױגן, ניט־געפֿלױגן.

גײט דער פֿױער נאָכן װאָגן — ברענען, פֿינקלען זײַנע אױגן,
װי אַ יעגער—רעכטס זײַן רױב־זאַק, לינקס—זײַן טרײַער פֿײַל־און־בױגן.

לײַנען־װײַסקײט אַף מײַן בעט פֿאַרצױגן,
ברײט און ברענט די װײַסקײט מיר די אױגן.

פונקען

פונקען
אָנגעגליטע, גלוטיק־רויטע,
שפּילן זיך פֿאַנאַנדער, —
פֿינקלען אָפּט אויף פֿייערדיק פּאָר מיינע צוגעמאַכטע אויגן.
דערמאָן איך זיך:
— צוויי פֿייער־פֿלאַמיקע פּעטש,
פֿון מיין טאַטנס האַנט
אויף מיין נייניאָריק פּענעמל.
מיט פֿינגערדיקע, אָנגעשפּיזטע הענט פֿאַרויס
האָט ער זיך אָנגערוקט, — — —
די שאַרפֿע, אופֿגעפֿלאַמטע שוואַרצקייט פֿון זיין אופֿגעשפּיצטער באָרד
האָט זיך אַריבער זיינע באַקן, אויגן
און ווינקלדיקן שטערן וואַלקנדיק פֿאַרצויגן.
בלויז איין פֿלעק האָט געלביק פֿון דער שוואַרצקייט זיך אַרויסגעשניטן:
דער צאָן וואָס האָט זיך אין זיין אונטערשטן ליפּ ביז בלוט פֿאַרקלעמט.
מיט אויסגעגלייכטן גוף, מיט אָנגעשטייפּטן נאַקן,
האָט ער זיך אָנגערוקט
— אַ קויעכדיקער ריז —
אויף מיר, זיין קינד,
וואָס האָט פֿאַרזינדיגט זיך אַנטקעגן אים.
צוויי פּעטש —
די קיינמאָל ניט געדאַכטע, פֿאַרהוילענע געוווּרע

איבער אונדזערע קעפּ

איבער אונדזערע קעפּ, —
איבער פֿאַרגליווערטע קופּעס פון שטאָטישע מויערן;
איבער צעדריוולטע בייטן מיט אָפּגעצופּטע וואָרצלען און גראָז־שטאמען;
איבער טייכן און יאַמען; —
איבער וואָרעמע דאָרפישע כאַטעס,
וואָס ליגן בײַ די פיס פון שעפּעדיקע שייערן,
זיכערדיק, ווי קינדער בײַ די קני פון טאַטעס,
ציטערדיק, ווי קעץ בײַ פעלדיקע האַרבסטיקע פייערן, — —
שלעפּן זיך, ציען זיך האַרבסטיקע רויכן —
האַרבסטיקע פלאַמען.

פון מאַרעוו, פון מיזרעך, פון דאָרעם, פון צאָפן,
פון אַלע זייטן, פון אַלע ווייטן
הויערן זיי, ווינטיקע, איבער אַלע וועגן.
סאַזשיק־טונקעלע, גאָלדיק־ווייסע, בלאָע, גראָע, — —
האָט איינער דעם צווייטן געטראָפן
געקומען אַנטקעגן,
באַהעפטן זיי זיך,
גיסן זיך צוזאַמען,
הייבן זיך,
נידערן
אין ווינטיקן זיג־זאַג,
און פאַרשווינדן —
הויך, הויך, ווי אויף שווינדלענדיקע טרעפּ,
איבער אונדזערע קעפּ.

צו אַ פּאָעט

דינע שורעס, דינע פּעדים, דינע פינגער, —
שפּיניק אין דיין שפּינוועבס — הוידנדיקער זינגער.

טוי־געזאַלבטער, זילבן־שפּליטער, זילבערדיקער דרימל,
אָפּגעריסן הענגסטו צווישן ערד און הימל.

אויסגעשפּרייט זיך אין אַן עיגול, — צירקלדיקער טויער, —
עפּשער וועלן זיי, נאַראָנים, קומען צו דיין לויער.

קליינע ברוים, גרויסער הונגער, פּלי־געווימל,
איינגעשטילט דער לעצטער זשום שוין — ווידער דרימל.

ליגסטו, וויגסטו זיך אַליין (פּרומע מינע!)
פרומקייט טונקלט זיך מיט צוקנדיקער סינע.

אַז אַ שטורעם וועט אַ יאָג טאָן (ס'העלפן ניט קיין לידער.)
און אַ פאַל טאָן וועסטו צו דער שוואַרצער נידער.

וועסטו לויפן, — זאַמד און שטיינער — מאַזל אומגעריכטער! —
שפּינוועבסדיקער, הוידנדיקער דיכטער.

ג. ווייט און אָפּגעשיידט

פראָלאָג

קלינגט און זינגט — — —
קלינגט אַף טורעם און שפּיץ דער מעטאַלענער צונג;
פליט דער קלונג, ווי אַ בליץ, אין דער לענג, אין דער ברייט, —
איבער מויערן־טרעף, איבער מאַכנעם פון קעפ;
פאַלט דער קלונג אינעם שטויב, און — צעשפּליטערט, צעשפּרייט!
ראָד נאָך ראָד אין געיעג — אינעם בריאַזגיקן וועג;
טוט דער בריאַזג זיך אַ הייב, ווי דער שטויב, צו דער זון
העלדזער, צינגער און טריט — טויזנט טריט אין גאַלאָפּ —
אין געדריי, אין געדרענג — אויג אַף אויג, קאָפּ אַף קאָפּ;
הילכט דאָס רויטע געזאַנג פון צעגליטן משוגון,
רופט דער רוף פון פאַבריק, פון טראָמפּייט און פון פלוט, — — —
קלינגט און זינגט,
קלינגט און זינגט דאָס געזאַנג פונעם לויפנדן בלוט, —
ניט דער אומרו פון יאַם, ניט די רויטקייט פון פלאַם, —
ס'איז דאָס רויטע געזאַנג פונעם בלוט אין זיין גאַנג,
פונעם מענטשלעכן בלוט הער־און־הין, הער־און־הין,
צווישן ביינער און פלייש, אין די אָדערן דין. —
פאַלט דער מענטש אַף דער ערד און — פון ווערים פאַרצערט!
בלוט געשטילט, בלוט פאַרקילט און אין קיווער פאַרשיט.
יאָגט פאַרביי פאַר דער גרוב דער גאַלאָפּ פון די טריט.
קלינגט און זינגט —
קלינגט דורך אייביקייט יונג — דער געהאַמערטער צונג!

ליד פון ערשטן טויטן

און אז איך האָב שוין ניט געגעבן מער קיין בלאָז
דעם פעדער, וואָס איר האָט געלייגט מיר באַ דער נאָז,
האָט איר מיט קעפּ צעשאָקלט זיך (ווי ס'האָט דער שיקער לאָט...)
און איינס דעם צווייטן אָנגעזאָגט: — ער איז שוין טויט.
אַראָפּגעלייגט אַף דר'ערד; אַ ליכט; אַ שוואַרץ געוואַנט;
געקומען זיינען זקיינעס מיט די נאָדלען אין דער האַנט,
מיט ברילן אַף די נעזער געלביקע פאַרוקט,
אַף מיר, דערנאָך צום באַלקן טפּילעדיק געקוקט...
מיין לעצטער וועג. פאַרויס און באַם בעסוילעם פלויט
אַ טוצן אַלטיטשקע מיט אויגן פּליסיקע און רויט,
וואָס רופן: צדאָקע וועט אונדז ראַטעווען פון טויט...
די קוואָרים־לאָפּעטע האָט מיר אַ קייווער צוגעגרייט.
זי ווייסט די מאָס: פיר איילן לאַנג און איינס די ברייט.
גייט צו דער ראָוו און שיט די ערשטע לאָפּעטע אַראָפּ
דערנאָך אַ מאַכנע הענט: טיפּ־טאָפּ, טיפּ־טאָפּ...
עס איז אַ מיצווע דאָך צו טאָן אַ באַר־מענגאָן זיין רעכט.
דערנאָך זענט איר אַוועק צו וואַכן טעג און שלאָפן דורך די נעכט.
און מיך האָט איר געלאָזן אין דער ערד אַליין
פאַר הונגעריקע ווערים אופצופרעסן מיין געביין.
פאַרוואָרפן, ווי דאָס אויסגעריסענע בעסוילעם גראָז
און אַלץ, ווייל איך האָב ניט געגעבן מער קיין בלאָז
דעם פעדער, וואָס איר האָט געלייגט מיר באַ דער נאָז.

ליד פון צווייטן טויטן

האַלט מיך פעסט די מאַמע ערד;
ווערט מיין גוף אין איר פאַרצערט.
פרעסן ווערים מיין געביין,
מיטאַמאָל אַ גרויס געוויין;
אַ געיאָמער אַזוי שוואַרץ,
ווי די ערד, וואָס אַף מיין האַרץ,
— ווער רייסט קריע זיך אין הויט?
ווער באַקלאָגט אַזוי מיין טויט?
ריר איך מיט מיין שאַרבן־קאָפּ,
קוק אַרויף און קוק אַראָפּ,
שטרעק דעם האַלז און הער זיך צו —
ווער־זשע שטערט מיר דאָ מיין רו?
ריר איך, שפּיר איך מיט די הענט,
טאַפּ איך אָן די שוואַרצע ווענט,
ערשט איך האָב דעם קאָל דערקענט:
מיינע שאָען, מיינע טעג,
אויסגעוואָגלטע אין וועג,
ניט דערכאַלעמט, ניט דערלעבט,
האָבן זיך צו מיר דערשלעפּט.
ווערט אַלץ שטאַרקער דאָס געוויין:

— האָסט געלאָזן אונדז אַליין
וואָגלען מיר — יעסוימים אום,
טרייבן זיך אין ווינט אַרום,
וויינען, ווי דער שטויב אין וועג,
דיינע ניט דערלעבטע טעג...
קלאַפּט אין קייווער דאָס געוויין,
פּרעסן ווערים מיין געביין.

ליד פון דריטן טויטן

טויטע — טויט פון דוירעס לאַנג,
מיט אַ בייניקן געקלאַנג,
גייען, גייען, גייען,
איבער מיין געביין.
איך — פאַרטראָגן אין דער נאַכט,
און צו קווורע ניט געבראַכט.
(אוי, מענטשן,
שלימאַזלדיקע,
איר קענט דאָך אַפילע אייערע טויטע ניט באַגראָבן.)

מיין האַרץ — אַ הויפן שטויב,
האָבן ראָבן ניט קיין רויב,
וואַלגער איך זיך דאָ באַם ברעג,
לעם אייער שטיינערדיקן וועג.
קומען, שווינדן נעכט און טעג,
טויזנט פים און טויזנט הענט,
אָן אַ סאָף און אָן אַן ענד,
גייען, איילן, לויפן, יאָגן,
ווי פון תהו־ווינט געטראָגן,

טויטע — טויט פון דוירעס לאנג,
מיט אַ ציק־צאַקיקן קלאנג,
איבער מיין געביין,
איך וואָס וואלגער זיך אַליין.
אוף און אָפּ, ארוף, אראָפּ,
טרעטן טויטע אַף מיין קאָפּ. —
ווער מיט פלוך און ווער מיט לויב;
ווערט צעשאָטן דאָ מיין שטויב,
ווי ס׳צעשיטן זיך די טעג,
נעבן אייער ברייטן וועג.
(אוי, מענטשן,
שלימאזלדיקע,
איר קענט דאָך אַפילע אייערע טויטע ניט באַגראָבן.)

קאַליל גיבראַנס ליד וועגן טויט

איך האָב געלייענט אַ ליד פון קאַליל גיבראַן,
אַ ליד וועגן טויט.
און עס רעדט מוסטאַפאַ, דער נעוויעשער מאַן:
טויט — איז הייליק שווייגן,
טויט — איז העכער שטייגן.
טויט — איז קעניק, טויט — איז קרוין. — — — —
איך האָב געלייענט זיין ליד און — שוין!!
ער איז שוין טויט אַליין.
ער שווייגט.
ניט צום שטייגן איז ער אַוועק, נאָר אַראָפּ אין דער נידער.
ניט קעניק, — אַפילע ניט אונטערטעניק, — פאַנאַנדערפאַל!
שיינט אויף אַן אויסגעהוילטע, פאַלשע שיין אַף זיינע לידער,
אַף זיינע כוואַליעדיקע רייד,
דערזע איך אים, ברייט-פּלייציקער אָריענטאַל,
אין געסלעך פון נויאָרק, —
דערזע איך אים, דעם סיריער מיט אַראַבער בלוט,
זיין פראַנזנדיקן גאַרטל, פאַלדנדיקע קלייד,
זיין ריזן-קאָפּ, זיין טונקעלע הויט,
און איבער אים — זיין ליד פון טויט,
וואָס הייבט זיך, וויסלט זיך אין נאַכט,
ווי שפּיץ פון זיין טורבאַן, — —
אָריענטאַלישער קאַליל גיבראַן!

זון

ניטאָ, כוץ דיר, קיין אַנדער געוויין,
געוויין פון אונטערגיין.
ניטאָ קיין אַנדער מוירע ווי די מוירע פאַרן טויט.
דער טאָג הייבט זיך אויף אַזוי פייערדיק־רויט.
שוואַלבן טאַנצן אין לופט, אַ כאַסענע שפּילט.
אַ מענטש איז געווען און געוואָרן פאַרשטילט —
פאַרשטילט, און פאַרקילט, און פאַרצערט,
און שוואַרץ איז די ערד.

פרייד פון מיין היימישן שיין,
פרייד פון מיין זיין!
געגראָבן, געברענט און געבויט.
האָט אין די ווענט זיך פאַרגאַנוועט דער טויט;
יאָגט בלוט, — זוכט אַ רעטונג — אַהער און אַהין,
הענגט לעבן אַראָפּ פון דעם דאַך ווי אַ שפּין, —
פון טאָג צו אַ טאָג — ווי אין שפּינוועבס פאַרוועבט.
פאַרפאַלן — אַ מענטש איז געווען, האָט געלעבט.
אַ הונט האָט פאַרווונדיקט זיין פיסל געשטרעקט;
אַ הונט אין זיין בלוט האָט פון טויט זיך געוועקט — —
און —
עס שיינט איבער אונדז נאָך די זון.

אַף מײַן פעטער׳ס טויט

דער פעטער איז שוין טויט, די מומע ברעכט די הענט;
דער מאַלכאַמאָוועס איז אַרויס שוין דורך די ווענט.

ברענג שטרוי, ברענג ליכט — פאַרלאָשן איז דער גוף,
נעם, וואַרף אַף אים די שוואַרצע טוך אַרוף.

נעם אָן אים בײַ די פיס, דער שאַמעס נעמט בײַם קאָפ,
און העלף אַראָפהייבן דעם מעס — אַף דר׳ערד אַראָפ.

אָ, טויטע! קינדווייז נאָך — פון לעבן קוים באַרירט —
האָב איך אין זייער פינצטערקייט אַ נאָענטקייט געשפירט.

און, ווי די שאָטנס אין מײַן זיידנ׳ס הויקער־שטוב,
האָב איך ,ווי לעבעדיק, געזען דעם טויט, די גרוב.

נאָר אַז איך האָב איצט אָנגערירט דעם מעס אַליין,
און האָב דערפילט די ליימיקייט פון יעדן ביין — —

האָב איך דערזען, אַז טויט איז טויט — דער טויט אַרויס, —
און וואָס עס בלייבט מיט אונדז, פאַר אונדז, איז לעבן בלויז.

נאָר דו, מיין אַלטיטשקע, געבליבענע אַליין,
וויין, וויין, איך וויין מיט דיר, פאַרגיי אין דיין געוויין.

ניטאָ פאַר דיר קיין טרייסט, ניטאָ פאַר דיר קיין וואָרט,
ניט קוק זיך אום צוריק — ס׳קומט קיינער ניט פון דאָרט.

דער אוילעם גייט; די זון פאַרגייט — די נאַכט זיך שפּרייט, —
דער טאָג, ווי אַלעמאָל, בלייבט פון דער נאַכט צעשיידט.

עלעגיע אַפן טויט פון אַ יונג מיידעלע

ניין, זי פליט ניט איבער דעכער,
טויב אין אָוונטדיקן שפּיל.
צוגעפּוצט און צוגעקאַמט,
ליגט זי אונטער געלן זאַמד,
אין דער ערד, אין ריטשמאָנד־היל.

ערד פאַרלאָשענע פון ניי־לאַנד —
טרער אומזיסטע, וואַרג זיך, וואַרג!
ערשט אַ פלי געטאָן פון שטוב, —
אויסגעוואַקסן איז אַ גרוב,
אויסגעוואַקסן איז אַ באַרג.

קינדער, קינדער זיבניעריק,
זיבן, זיבן איז ניט אַכט.
אויגן שוואַרץ און אויגן בלאָ,
אייער כאַווערטע ניטאָ,
האָט די אייגעלעך פאַרמאַכט.

קווורע

הענט מײַנע הענט, מײַנע בײניקע הענט,
פֿינגערדיק, שפּיציק, צעצװיגן, צעצענט.

איר האָט געטראָגן אַ קינד צו אַ גרוב,
רױבערשע הענט אין געפֿאַלענער שטוב.

טױט איז דאָך טױט — יאָ, איך װײס און פֿאַרשטײ,
הענגען די הענט דאָך װי לאָפּעטעס צװײ.

אָרען — פֿאַרלױרן אין לײמיקע טריט,
טאַטע און מאַמע, אװײלים, פֿאַרגיט!

אָט איז דאָס העמדל, צי האָט איר דערקענט?
לעבן ניט מײנס — דאָך דער טױט איז מיר נאָענט.

איבער די זײדישע קװאָרים צום קינד,
איבער די יאָרן — פֿאַרלאָשן און בלינד —

טױט האָט געיאָגט מיך, פֿאַריאָגט צו מײַן הײם —
טרײסל זיך אָפּ פֿון בעסאַלמישן לײם.

טאָג הײבט זיך אױף, רײסט פֿון אָפּגרונט זיך אָפּ,
הענט, מײַנע הענט, איבער קינדערשן קאָפּ.

קינד הײבט צו מיר אירע אײגעלעך אױף,
הענט, מײַנע הענט, צו דעם הימל אַרױף.

אַ מייסע מיט אַ פויגל

כ׳האָב איינמאָל געזען אַזאַ זאַך:
אַ נעסט איז געווען אַף אַ דאַך.

אין נעסט, אינדערהייך, אָפּגעהיט,
האָט מאַמע אַ קינד אויסגעבריט.

פליט מאַמע מיט שנאָבעלע רויט —
טראָגט וואַסער, טראָגט קערנער, טראָגט ברויט.

ביז איינמאָל האָט קינדל אַליין,
פאַרוואָלט זיך צו פויזן, צו גיין.

פאַרוואָלט זיך צו טאָן גאָר אַ פלי —
אַ, פייגעלע פליסט נאָך צופרי.

אַ פלי און אַ פאַל צו דער ערד,
אין ווייט האָט די מאַמע דערהערט

אַ פייגעלע קריכט אין אַ גרוב —
אַ ציטער, אַ צאַפּל, אַ צופּ.

ווי, ווי, ווען אַ מאַמע קומט אָן!
וואָס זאָל איצט דאָס מאַמעלע טאָן?

אַ פּיק און אַ פּיק, און אַ פּיק —
וויל טראָגן דאָס קינדל צוריק.

צוריק צו דעם נעסט אפן דאך —
פאר דעם איז דאס פויגל צו שוואך.

דאס קינד איז פאר מאמען צו שווער.
פליט מאמע אהין און אהער —

פון נעסט צו דער גרוב און צוריק —
א פיק, און א פיק, און א פיק.

אומזיסט, אוי, אומזיסט דיין געפלי!
אומזיסט איז דיין ציף און דיין מי!

א מאמע איר קינד ניט פארגעסט, —
אז קינד קען ניט קומען צום נעסט.

ברענגט מאמע דעם נעסט צו דעם קינד,
ארוף און אראפ — ווי געשווינט!

און פעדערל, שטרויעלעוויז —
געריסן, געבויט איבערנייס.

ווערט נאכט, נאר די מאמע איז וואך,
ניטא שוין קיין נעסט אפן דאך.

אין גרוב, וו אראפ איז דאס קינד,
האט מאמע איר נעסט שוין אצינד.

א מייסע וואס איך האב געזען:
אמאל איז א פויגל געווען.

פאַרצוקונג

נאַרישע קאַץ, נאַרישער קאָפּ,
דיינע פּאַרשפּיציקטע נעגל שנייד אָפּ.

דו וועסט שוין היינט ניט פאַרצוקן קיין צוק,
געניייווישע קעצל, געניייווישער קוק.

לויערסט — אומזיסט איז דיין רוק און דיין צי, —
פייגעלע שפּרינגט אום, זוכט עסן — פּי — פּי.

ערגעץ ווו האָט זי מיסטאָמע אַ נעסט:
— קינדערלעך, אָט האָט איר ברעקעלעך, עסט!

אָבער דו, בייזער און קעצישער צאָפּ,
האָסט צו דער ערד צוגענורעט דיין קאָפּ.

און האָסט דיין עקל פאַרדרייט אין אַ קנויל,
וואָנצעס צעבלאָזן, פאַרביסן דיין מויל.

רוקן — אַ בויגן; אַ שפּרונג — און כאַפּ־כאַפּ,
נאַרישע קאַץ, נאַרישער קאָפּ.

דו ביסט אַ בעריע אַף מייזלעך נאַר,
מייזעלעך הוילינקע, נאַקעטע האָר.

אַבער דאָס פייגעלע, פליגעלעך — פלי,
וועט זיך באַלד געבן אַ הייב און — ניט הי.

און מיט אַ ברעקל אין שנאָבל געפּרעסט,
וועט זי אַ פלי טאָן אהין צו איר נעסט.

דו, אויף דער ערד, מיט דיין שפּיציקן קוק,
דו מיט די צייגדעלעך פאַרשאַרפטע צום צוק.

דו וועסט דאָ בלייבן מיט סלונע אין מויל,
געגעצן נאַריש און גענעצן פויל.

שטיין ליגט אַ האַרטער, אים אַרט ניט דיין קראַץ —
נאַרישע פּרעסערקע, נאַרישע קאַץ.

פאַרביי ברוקלינער בעסוילעמס

ס׳איז גוט צו זען שניי אױף דער ערד.
שניי אונטער טריט,
ס׳איז גוט צו זען ווי שניי אויף ביימער בליט.
נאָר אומעטיק איז צו זען,
שניי אויף קוואָרים.
טויטע זיינען טויט — וואָס דען ?
נאָר אונטער שניי ווערן די טויטע נאָך טויטער,
פאַרשאָטן, פאַרפרוירן,
ווי זיי וואָלטן קיינמאָל ניט געווען געבוירן.

אַלט־ברוקלין, נעגער־קלאַן,
שווערע, סקריפּנדיקע קאַלווער־באַן.
שטעקן שוואַרצע קעפּ אַרויס פון סאָזשע־ווענט,
איינגעמויערטע אין ציגל,
און הינטער זיי — בעסוילעמס, קעהונעדיקע הענט,
סעמעטערים, צלאָמים, יונג־פרויען מיט צעבראָכענע פליגל,
נויט־לאַגערן, טויט־לאַגערן פון נויאָרק.
און אויף דעם אַלעמען, אויף די נעגרישע קוואַרטאַלן,
אויף די פּענעמער פון דאָרעם,
און אויף קוואָרעם,
איז אויסגעפאַלן,
שניי, ווייסער, צאָפּנדיקער שניי.
אַ ליכטיקער טאָג ליגט פאַרשאָטן, פאַרפרוירן,
די טויטע — טויט, ווי קיינמאָל ניט געבוירן.
אַלץ ווייל איך בין היינט פאַרביי בעסוילעמס געפאָרן . . .

ווערטער

איך צעבלאָז מיינע ווערטער אַף אַלע שיווע יאַמען —
אַלעפן, בייסן, גימלען — — — —
אויסיעס, כאַלוימעס, פלאַמען,
בלאַקייט פון הימלען,
לעוואָנע און שטערן —
באַגערן — אַנטפּלעקט און פאַרהוילן —
שלאַנגיקע קנוילן,
צעציען זיך, ווינקען און בייגן —
מיט הייסע, מיט בלישטשנדיקע פאַרבן —
פאַר מיינע טריט, פאַר מיינע אויגן.
פאַרפּליט — פאַרפלויגן!
אַז אַלץ וואָס איך וויל — און פאַרוואָס איך בין דאָ —
איז ערדיש, איז נאָענט, איז גראָ.

„איך וויל זען מיין מאַמען איידער זי וועט שטאַרבן. און מיין קינד זאָל אויסוואַקסן פריש און געזונט. און איך מיט מיין ווייב זאָלן צוזאַמען אויסלעבן די יאָרן אין פרייד ביז —"

טויט —
וועמעס טויט? . . .

פאַלט פּלוצלונג דער געדאַנק אַז אָפּגעריסענער אין קאָפּ
אַראָפּ —
ווי ס׳פאַלט פון מויל אַ ביסן ברויט.
אָ, זינקנדיקע לעבנס שאָ !
טעם—וואָו—יוד—טעם —
אַ וואָרט האָט אַ קוק געטאָן מיר אין געזיכט:
ט—ו—י—ט —
אויסיעם פיר — פיר שוואַרצע ליכט.
ווערטער, מיינע ווערטער,
קלייבט ווידער זיך צונויף —
עס רייסט מיין בליק זיך פון דער ערד שוין ווידער —
אוף, אַרוף !
אַלעף, ביים, גימל —
אָ, וווּנדערלעכער, אויסגעטראַכטער הימל !

מיין קינד

האַלטנדיק דיין האַנט, קויל־האָריקע,
ווער איך אַלט,
איבּער דיר, מיין קינד, שוואַרץ־אויגיקע,
הייבּט זיך אַ געשטאַלט.

פּלייצעס, נאַקן, הענט־פאַרנעגלטע,
שאַרפע ציין —
ווער איך קענן זיי אַ גרוייקער,
קאַרליק־קליין.

טראַט נאָך טראַט אַף מיר, געבּויגענעם,
קאַלט און האַרט,
ווער איך פון מיין וועג, פאַרנומענעם,
אָפּגעשאַרט.

וויל איך אויסשרייען אַ יאָמערן
שוואַך און בּלינד:
— דאָס בּין איך, דער טאַטע דיין, געשטאַלטיקע,
אייגן קינד!

בלוט פון בלוט און ביין פון ביין, כ׳וויל לעבן נאָך,
בלייבן הי ! — —
ווייל איך אויסשרייען אַזוי און בעטן זיך
אַף די קני.

נאָר דער קאָל אין האַלדז פאַרשטיקטערהייט,
ניט געווערט —
אונטערטעניק פאַלט מיין קאָפּ, פאַרשניטענער,
צו דער ערד.

איינס און איינס

ציִיט איז איינפאַך, צייט איז קלאָר:
לעבּ אַ שאָ און נאָך אַ שאָ!
מענטש איז, איינפאַך, פּראָסט ביז גאָר:
אָט געווען — ניטאָ!

פילאָזאָפן אַלט און ניי,
שאַרפע בּרעמען, סיווע בּערד,
הימל שטייט גאָר אָפן, פריי —
און פאַרמאַכט די ערד.

ערד — אַ סוידעסדיקע הייל,
כ׳וויים דעם סאָד דאָך סיי ווי סיי.
זעץ זיך אַף דער ערד און צייל:
איינס און צוויי און דריי.

אַזוי

אַלץ וואָס מיר ווייסן:
— אַזוי איז געווען!
אַזוי איז געווען און וועט ווייטער אויך זיין.
פון איין טאָג אַרויס אין אַ צווייטן אַריין —
אַזוי און אַזוי —
און ניט מער.

מיר זיינען ווי קינדער געקומען אַהער
צו קוקן אין הימל, צו גיין אַף דער ערד.
אומזיסט זיך צו שפּילן אין פייעס און בערד,
פון איין ראָד אַרויס אין אַ צווייטן אַריין —
וואָס קען מען אין עטלעכע יאָר דען דערזען?
אַזוי און אַזוי איז געווען —
זאָל ערגער ניט זיין.

וויג-וויגעלע

וויג־וויגעלע, קינדערשע געזאַנגען —
מיט מיין זיידן, מיט מיין באָבען זיינען זיי פאַרגאַנגען.

זי מיט דער געפלעקטער ציג און מיט דער ראַבער הון;
ער מיטן כומעש און יעשוע בען נון.

ציג־ציגעלע, די באָבע איז אַוועק צו פאַנום באַלגוף;
ווייסטו וואָס עם מאַכט מעלופים קוף?

קו. — קיעלע איז געפאָרן האַנדלען
ראַזשינקעם מיט מאַנדלען.

הערנער ברויגעזע; אַ צעבערל קלייען, —
די באָבע איז אַוועק אַף שאַבעם צו לייען.

ציגעלע־מיגעלע קאָטינקע — רויטע פאָמעראַנצן,
מיט דעם זיידן מיט דער באָבען גייען די אייניקלעך טאַנצן.

מיין זיידע

און אַז איך האָב געזען —
ווי ס'האָט דעם זיידנס רוקן
זיך איינגעבויגן צו דער ערד;
און זיין פּאָנעם וויים און געלב,
ווי אַן אַלטע בלאַט —
האָב איך געוווּסט, אַז ס'איז דער זיידע
מיט טעג שוין זאַט;
און ווי אַ בוים מיט פּיירעס באַשווערט
בייגט ער זיך צו דער ערד —
אַז דער זיידע וועט שטאַרבן,
און איך וועל אים ארבן.

איינמאָל אַ פרייטיק

פאַרפרוירענע שויבן, איך ליג אָפן אויוון:
דערביי שטייט אַ מולטער מיט טייג אַף הייוון.

אַוואַרעמע זויערקייט, טייג, הייב זיך העכער! —
כאַלע און בענטש־ליכט און גאָלדענער בעכער.

און פלוצלונג די טיר פאַלט פאַנאַנדער אַף צווייען,
די באָבע קומט אָן מיט אַ כליפּען און ווייען:

— אַ סרייפע, מאַגייפע, צום זיבעטן מוילעד
האָט מען דעם שויכעט געפונען געקוילעט.

דער שויכעט — רויט־האָריק, אַ פּאָנעם מיט פלעקן
איז געקומען אין שול מיט אַ וואַלדיקן שטעקן.

אוים שכיטע! די אָקסן פאַרשפּאַרט אין די שטאַלן,
געבונדענע אויפעם זיך שטעלן און פאַלן.

מיר, יינגעלעך, געהערט האָבן רייד צווישן אוילעם:
— ער האָט זיך געבוקט צום דעם ציילעם.

— אַף אַ זון־שטראַל געפּאָכעט די שאַרפקייט פון כאַלעף,
געפרעגט בּאַ אַ הונט וואָס עס מאַכט קאָמעץ אַלעף.

— אַרום דעם מאָהילניק די נאַכט זיך געהאַלטן אין דרייען,
געוויינט און געוויינט בּיז די העגער האָבּן גענומען קרייען.

איז פראָסטיג אין קלויז ; פאַרטרויערט קומט אָן פון שאַבּעס
די מאַלקע,
און פלעדערמייז פליען אין שוואַרצקייט פון באַלקן צו בּאַלקן.

באַגינען

וואָס האָבן לידער און רייד דען צו טאָן
מיטן פרימאָרגיקן קרייען פון האָן?

נאָר אַז איך האָב קוקורעקו דערהערט —
האָב איך דערזען מיין אַמאָליקע ערד.

שמאָלינקע סטעזשקע — מיין ייִדישער גאַנג —
בייג זיך און נייג זיך, דו גאָלדענע זאַנג!

אונטערן דאַך און איבערן דאַך —
שטייט ער דער פלאַמיקער האָן אויף דער וואַך.

קוקערי־קוקעריקו — און פאָרויס
לאָזט זיך דער זיידע שוין גיין צו דער קלויז.

רייכערן קוימענס — אַ טאָג אין דער וואָך —
גיי איך מיין זיידישער שוויַיגיקייט נאָך.

און אין מיין מויעכל — גרינג ווי אַ האָז,
לויפט אַן אַ רעטעניש: — זאָג, וואָס איז דאָס?

— דרייט זיך און בלייבט אין אַ ווינקל דאָך שטיין?
—גייט, כאָטש ער האָט גאָר קיין פיס ניט צום גיין?

קוקערי־קוקעריקו — און אין קאָפּ
פֿאַלט ווי פֿון הימל אַ שטערן אַראָפּ:

— ליגט אַף דער וווּנדער־הייל מאַכיקער שטיין:
קומט דער פֿאַרבאָרגענער צאַדיק צוגיין.

אויסיעם צוויי — הערט זיך דער צאַדיקשער קאָל,
עפֿנט זיך אָפּן דער שטיין מיטאַמאָל.

אויסיעם צוויי — לייכט אוף אַ ליכט אַזוי רויט —
כאָכמעס פֿון לעבן און סוידעס פֿון טויט.

גינגאָלד און גאָלד אַף די היילישע ווענט —
ריר ניט קיין זאַך דאָרטן אָן מיט די הענט.

רירסטו אָן — פֿינצטערע, היילישע נאַכט —
שטיין לאָזט אַראָפּ זיך, אַף אייביק פֿאַרמאַכט.

קוקערי — הילביקער, וואַכיקער האָן,
וואָס האָבן לידער מיט דיר צו טאָן?

אין שאָ פון פאַרגיין

דער טאָג פאַרגייט און ס׳ווערן גראָ די רוימען.
די לעצטע שטראַלן ציטערן צווישן איינגעשרומפּטע צווייגן,
דראַפּען זיך און ראַנגלען זיך אַף ווענט,
און שטייגן —
הויך אַרויף צום שפּיץ פון אַש־באַדעקטן קוימען.

עס האָט דער גרויליכער פאַרנאַכט
דאָס לעצטע ליכט פון טאָג פאַרשווענדט, דערבּרענט,
איצט קלאַמערן די לעצטע שטראַלן זיך אַף וואַנט און בוים:
הענט פון אַן אומגליקלעכן,
אויסגעקרימט און אויסגעשטרעקט:
— ראַטעווע!

מיין פריינט,
עס איז צו דעם מיליאָנעדיקסטן מאָל פאַרנאַכט שוין דאָ!
אין אומעטיקער שאָ
פון דיינע טעג
ווען ס׳געלבּט זיך דער פאַרגייענדיקער שיין אַף דיין געזיכט,
קום אַוועק,
באַהאַלט דיין טונקל־ווערנדיקן בליק
פון ליכט,
וואָס היטנדיק דיר דיינע טריט,
פאַרשאַכערט האָט דיר גאָר דיין אייגן גליק,
דיין טאָג, — — —

און ווי עס פליט —
אין איילעניש דער פויגל צו זיין טונקעלן נעסט,
זאָל איצט אין שאָ פון לעצטן שיין —
דיין טונקל־אויסגעלייטערטער געמיט,
דיין מאָקעם־מיקלעט זיין !...

עס דויערט ניט די שאָ פון אונטערגיין־פאַרגיין !
באַלד און ס'וועט די נאַכט־געשטאַלט געגענען צו דיין שוועל.
קום דאַן אַנטקעגן איר מיט גוף און זעל,
און מיט דיין לעצטן וואָרט אין קעל
פאַרקלעמט און שטום, —
און מיט דיין בלוט פאַרשטילט־פאַרקילט,
און מיט דיין לעצטן לעבנס־הויך אין דיינע ציין פאַרקריצט
באַהעפט זיך מיט דער פינצטערניש אַרום, — — —
און זע : —
אין שוואַרצאַפּל פון נאַכטיק־כּוישעכדיקן אויג,
— פון אַלע ווינקלען פון דער וועלט —
האָבן אופגעבליצט —
איינס העלער פונעם צווייטן,
אויגן טויזנטער מיט פייערדיקן שיין,
וואָס קומען דיר אַנטקעגן איצט, באַגלייטן
דיין אָפּגעקילטן, אָטעמלאָזן האַרץ,
אין נאַכט — אין אייביקייט אַריין...

טרויער

דו וועסט דיין טרויער סיי־ווי ניט פֿאַרמיידן.
און ווי דער טויט,
וואָס רוט אין יעדן ווינקעלע פֿון הויז,
און גראַבלט זיך געהיים מיט פֿאַרזיכט־טריט פֿון מויז,
און ווי דער שטויב,
וואָס ציילט און צייכנט דיינע טריט, —
אַזוי איז אויך אַריבער גאָר דיין וועג פֿאַרשפּרייט,
דיין טרויער — דער שאָטן פֿון דעם טויט.

דו וועסט דיין טרויער סיי־ווי ניט פֿאַרמיידן.
יונגלינג דו,

די פֿרייד וואָס גליט אַף דיין געזיכט,
דאָס ליכט,
וואָס פֿירט דיין בלוט און לייכט, באַלייכט,
די אָדערן — די וועגן פֿון דיין האַרץ,
דיין האַרץ — דעם שליאַך פֿון דיין געמיט,
היט איין די פֿרייד,
ווי ס'היט אַ וואַנדערער זיין לאָגל אינעם מידבער־בראַנד,
ווי ס'היט אַ טאַטע בלינד,
זיין איינציק קינד.

היט איין דיין פרייד !
און רוקט דער טרויער טונקלדיג אין האַרץ זיין קאָפּ אַרויס
ווי ס'טוט די הונגעריקע מויז,
זאָל זיין פאַר אים געגרייט־פאַרשפּרייט,
אַ נעץ — דיין טויזנט־פעדימדיקע פרייד.
און דו —
מיט שטאָלצע, יעגערישע טריט,
און מיט אַ יובלענדיק ניצאָכן־ליד,
גיי, גיי פאָרויס און גרויס זיך מיט דיין רויב,
ביזוואַנען ס'וועט דער שטויב
פון אונטער דיינע פיס אַרויס, —
פאַרשלינגען דיך, (אַ, אָרעם־הונגעריקע מויז !)

דו וועסט דיין טרויער סיי־ווי ניט פאַרמיידן.

אַלטקייט

ווי לאַנג עס קלאַפּן אַלטע לייט,
מיט שטעקנס אין דער ערד,
מיט דאַרע הענט, מיט דריבנע טריט,
מיט גראָע האָר, מיט שוואַרצע היט,
מיט אָפּגעבליטע בערד.
ווי לאַנג אין גאַס, בײַ יעדן הויז,
אַן אַלטיטשקע געבויגן שטייט,
און שאָקלט זיך, באַוועגט זיך קאַם,
צוזאַמען מיטן בוים בײַם צאַם,
אַריבער בלעטער האַרבסט־צעשפּרייט.
ווי לאַנג די זיקנע שאַרט זיך, גייט,
און קלאַמערט זיך אָן לעצטן צאָן —
זאָל ווילדעווען מיין וואָרט — אַ קלונג,
אַריבער אַלע יאָר אַ שפּרונג,
צעשפּרייטע פליגלען פון אַ האָן.
ווער קומט מיט מוסערדיקען שטראָף!?
פאַרלאָזט זיך נאָר אויף מיר:
ווען ס׳וועט זיך צומאַכן די לעצטע טיר,
און ווען ס׳וועט אָנקומען דער סאָף,
ווען אין דער ווערימדיקער ערד,
עס וועלן פוילן סיווע בערד,
ווען אין דעם פעטן, פייכטן ליים,
די באָביצעס — בײַ זיך אין היים —

זיי וועלן ליגן דאָר און קליין,
מיט אַלטקייט מער אין גאָס ניט גיין —
וועל איך — פאַרלאָזט זיך נאָר אַף מיר —
אַנטשוויגן ווערן פרום און גוט,
און וועל אין פּאַרכטיקער מינוט,
צוזאַמען מיט מיין ראַבער קאַץ,
זיך זעצן שטיל צו מאַרעוו־זייט,
צו שאָטן־זייט צום זון־פאַרגאַנג,
און קוקן אומעטיק און לאַנג,
אַף יענער פייערדיקער טאַץ,
וואָס וועט אַוועקטראָגן מיין לעצט געזאַנג.

די זיקנע פלינק וועט, ווי פּאַיאַץ,
אַ שפּרונג טאָן אַף מיין פליכן קאָפּ,
מיין נאָז וועט אָנטאָן זיך אַ שפּיץ,
די באַקן אין אַ פאַרמעט־געל —
און זיצנדיק אַזוי באָס שוועל,
וועל איך זיך אופהייבן פון זיץ,
און וועל מיט טריט, געמאָסטן, שטאָלץ,
אין האַנט אַ שטעקן פימפסן־האָלץ,
זיך אָנהייבן צו שאַרן, גיין,
אַליין, אַליין, — —
דורך בלעטער־פאַל, צום ווייסן שניי —
ניט ערגער און ניט וואַכיקער פון זיי,
פאַר וועמען כ'האָב געעפנט ברייט
דעם טויער און צום גרוב באַגלייט.

ד. איך און דו

זון און ערד

זון און ערד.
און אויב איר דארפט שימל —
פאר א גראָם צום בלויען הימל,
געזונטערהייט.

זון און ערד.

קערנער פלאַצן אין אינגעווייד. די ערד איז וואָך.
און די זון צעשטעכט די פלאָך.

ערד און זון.

זונטיק, מאָנטיק — אין אַלע טעג אין אַלע נעכט —
ניט געהייליקט, ניט פאַרשוועכט.
און ווער עס וויל אַפילע זשאַבעס —
זומפּיקערהייט,
זאָלן דאווקע בענקען נאָך דער „מלכה שבת“,
געזונטערהייט . . .

אַ ליד צו מיינע פריינט און צו מיין ווייב

בלויז אין מיין ליד בין איך ערלעך און אָפן, —
שפּיל אָן אָפענע קאָרט.
אָבער אין יעדער אַנדער וואָרט: —
אַגיטאַטאָר.
אָבער און ווידער:
— ברידער,
אַזוי און אַזוי,
אַזוי דאַרף עס זיין,
זאָל עס זיין,
וועט עס זיין,
— זייט!!
ווערטער קומען פון ווייט און פאַרגייען אין ווייט.

אָבער אין ליד, אין מיין גראַם:
אָ, גאָלדענע צאַם! —
אַזוי און אַזוי, —
אַזוי איז עס,
גוט, צי שלעכט,
פאַלש צי גערעכט,
אַזוי, — —
ווערטער קומען פון נאָענט און בלייבן נאָענט.

ווערטער אייגענע, היינטיקע — היינט.
נעכטן — אַ זעקאָרן, און מאָרגן איז דאָך קיינמאָל ניט געבוירן.

דעריבער, וווּנדערט זיך ניט, מיינע פריינט,
וואָס איך, אַזאַ לץ,
שטרעק פּלוצלונג אויס די הענט, ווי אַ גען,
פאַרוואַרף דעם קאָפּ, און הייב אָן צו וויינען.
און דו, מיין ווייב, וואָס דו קענסט מיך אין מיין אומעטיקייט,
אין מיין נאַקעטקייט, און אָפנקייט,
וווּנדער זיך ניט, וואָס אין מיטן דרינען,
צעטאַנץ איך זיך, ווי כ'וואָלט אַראָפּ פון זינען.
שרעק זיך ניט, ס'האָט גאָרניט געטראָפן, —
בלויז אין מיין ליד בין איך ערלעך און אָפן.

אַ י ד

בּין קליין, און דאַר, און שפּיציק.
האָבּ געקענט אויך הייסן איציק, —
נאָר אַז איציק הייסט דער טאַטע,
און ס'ליגט דער עלטער־זיידע אין דר'ערד
אַכט יאָר שוין אָן אַ נאָמען — —
טאָ זאָל שוין זיין בּעניאָמען.

געדייט און אויסגעוואַקסן
אַף סקריפּנדיקע אַקסן —
אַזאַ יידל נעמט אַ פּידל,
שטעלט אין גאַס זיך, זינגט אַ לידל —
מיט זיין אָרעמאַנסקן הוילעך,
בּרענט מיט טרערן, ווי מיט פלאַמען.
נאָר אַז ווייגען איז פון אייבּיק
שוין בּאַשערט מיין מאַמען — —
טאָ לאָמיר זיין שוין פריילעך.

מײַן וואָרט

מײַן וואָרט איז ניט האַרציק, מײַן וואָרט איז ניט נאָענט, —
אַ פֿונק פֿון פֿאַראַשיקטן ברען;
מײַן מאַמע, האָב איך זיך דערמאָנט,
איז האַרציקער, נאָענטער געווען.

און יאָרן, און ערטער — אַ שיכט אַף אַ שיכט,
און זע, אַפֿן שוים זיצט אַ קינד;
בליצט אויף פֿון איר פּאָנעם מײַן מאַמעס געזיכט,
און — פֿאַרשווינדט.

פֿאַרשווינדט און — פֿאַרשוווּנדן. צייל איינס און צייל צען, —
צעוויקלט זיך וועג ביז אַמאָל;
די פֿרעמדקייט וואָס איך האָב דערשפּירט און דערזען,
באַהאַלט זיך ווי נעפּל אין טאָל.

מײַן קינד אַפֿן שוים זיצט און הערט, און פֿאַרנעמט,
צעעפֿנט מײַן האַרץ, ווי אַ שייד;
אָ, היימישער טרויער, פֿאַרבאָרגן, פֿאַרשעמט, —
אָ, היימישע, פּאָשעטע רייד!

אַ טרויער

אַ טרויער האָט אין האַרץ גענומען נאָגן,
עס פלעגט די מאַמע זאָגן:
דער שוואַרצער וואָלקן גייט אין יאַם צו זינקען,
דער שוואַרצער וואָלקן גייט אין יאַם זיך אָנצוטרינקען.
און קומט דערנאָך מיט שעפע און מיט רעגן
פון קליינע קינדערס וועגן.
ווער ווייסט פון וועמעס וועגן
דער טרויער איז געקומען אונדז אַנטקעגן...

הימל ברייטערט זיך פאנאנדער...

הימל ברייטערט זיך פאַנאַנדער:
בלאָ און בלאָ און בלאָער.
וואָלקנס פונעם ווינט צעשמיסן,
אָפּגעהאַקט און אָפּגעריסן,
לאָזן זיך אין וואַנדער.

זון באַווייזט זיך הייס און ליכטיק,
אַף איר אַלטן וועג;
ערד געוואַשן, ניי־געזיכטיק —
ביז דער ווייטסטער שטרעק.

ווייל איז מיר וואָס אין דעם טרויער
אַף אַ וואָלקן אופגעהאַנגען, —
איז דאָס האַרץ מיר ניט צעגאַנגען
טראָפּנווייז אַראָפּ.
האָט מיין קאָפּ זיך ניט געבויגן, —
איך אַליין מיט מיינע אויגן
זען זאָל איצט ווי ס׳קומט אַנטקעגן
אַף די אויסגעשטרעקטע וועגן
זון און ערד און רעגנבויגן.

איך האָב געזען

איך האָב געזען די פֿייגל פֿליען,
און טייך גערונצלט פֿאַלד אַף פֿאַלד ;
פֿון איין זייט אָפּנקייט אין גליען,
און פֿון דער צווייטער — קאַלטער וואַלד.

די פּייכטע סטעזשקעס פּירן, פּירן,
די זשאַבעס שפּרינגען דין און גיך ;
אַ טראַט — אַ טראַט וועט ניט פֿאַרלירן,
איך קום אַלץ נענטער צו זיך.

מיין שיפֿל שווימט, די רודערס פֿעכטן,
די וואַסער־שפּין זיך גליטשט פֿאַרויס ;
און שטיינער שוואַרץ, ווי טעג פֿון נעכטן,
זיי הייבן פֿלוצלונג זיך ארויס.

ארויס — ניטאָ ! ס'איז אַלץ פֿאַרלאָפֿן,
איך רונצל איין זיך פֿאַלד אין פֿאַלד
אַ, לאָמיך זיין ווי ווייטקייט אָפֿן,
און הויך, און שווייגנדיק, ווי וואַלד !

דער ברוינער שמעטערלינג

באַרואיקט, רואיק, ווי די נאַכט, געווען איז מיין געמיט, —
ווי ס'טרעפט אַמאָל אין קילע, שטילע זומערדיקע נעכט.
בין איך אין הויז אריין מיט לייכטע, זינגענדיקע טריט,
מיין לאָמפּ מיר אָנגעצונדן — און ס'האָט אַ העלער שיין
באַלויכטן מיינע ווענט, ווי ס'וואָלט אַ יאָנטעוו זיין.
איז מיטאַמאָל: פון גאַס, פון נאַכט — ווער ווייסט פון וואַנען —
אַ קליינער, ברוינער שמעטערלינג צו מיר אריינגעפלויגן,
האָט איינס און צוויי און דריי —
געשווינדלט פאַר די אויגן,
און נענטער, אַלץ נענטער געצאַפּלט זיך באַם שיין,
און נאָכדעם, ווי אַנטוישט — געבליבן שטיין
באַם שפּיגל אויף דער וואַנט
מיט פליגעלעך צעשפּרייט — פאַנאַנד.

געווען איז מיר אויפן האַרצן גרינג און גוט,
און רויק, ווי די נאַכט, געאָטעמט האָט מיין בלוט.
אוי, שמעטערלינג אין נאַכט!
פאַראיינזאַמטער, פאַרצאַפּלטער, פאַרבלאָנדזשעטער אהער,
פאַרוואָס איז מיר געוואָרן אומעטיק און שווער,
ווען ס'איז דער קליינער, ברוינער שמעטערלינג צו מיר אריין,
דערזעענדיק אין נאַכט מיין זומערדיקן שיין?

װאָדרע האָט ער זיך זייט זון־פאַרגאַנג
אַף װעג און שטעג געצאַפּלט לאַנג,
אַלץ זוכנדיק אַ שיין —
נו, איז ער איצט צו מיר אַריין,
האָט איינס, און צוויי, און דריי געשווינדלט פאַר די אויגן,
און נאָכדעם אין אַ ווינקל שטיל פאַרפלויגן,
באַם שפּיגל אַף דער וואַנט,
מיט פליגעלעך — פאַנאַנד.

ווער האָט אין זומער־שאָ די אומרו מיר געבראַכט?
אוי, קליינער, ברוינער שמעטערלינג אין נאַכט!

יעדן טאָג

יעדן טאָג גייט אויף די זון
איבער מיר, איבערן דאַך.
אָבער ניט די זון פון האַרצן —
ליכט פאַרבאָרגן און פאַרגראָבן,
גייט ניט אויף און ווערט ניט וואַך.

רוים פאַר פויגל, ערד פאַר וואָרעם.
שטרעקט דער בוים צו זון זיין אָרעם;
לויפן וועגן אים אַנטקעגן;
פליען פייגל מיט געזאַנגען.
פלי, מיין בענקשאַפט!
נאָך ניט אויסגעשפרייט די פליגל,
נאָך ניט אופגעמאַכט דער ריגל —
הענגען פליגל, ווי געהאַנגען.

האַרץ, טונקעלע הייל פון מיין געמיט!
שטאַרקער, שטאַרקער מיינע טריט!
ווי עס שימערט ליכט אין הייל
און אַן אויצער היט —
ווייס איך:

הינטער טויער פון מיין טרויער
שימערט, זינגט דאָס ליכט אין מיר.
אויצער־ליכט וועט זיך אַנטפּלעקן,
שיין וועט ווערן אופגעוואַכט.

זון וועט אופגיין אין פרימאָרגן.
איצט איז פינצטער, איצט איז נאַכט.
בוים און פויגל שלאָפן.
מיינע אויגן זיינען אָפן.
פלי, מיין בענקשאַפט, פלי,
און ברענג אין מיטן־נאַכט מיר זונען־גלי ! . . .

די הייל

די זון פאַרגייט — גייט אויף אין מיר מיין בלוט
מיט וואַרעמקייט און ליכט.
גייט אויף באַגער פון טאָג פאַרקוועלט,
און בענקשאַפט אויפגעהעלט ווי מאָרגן־רויט
צעשפּרייט זיך אָדערדיק דורך יעדן גליד
און גליט —
ביז צו די שפּיצן־פינגער.
גרינג און גרינגער —
מיט אָנגעצונדענע, מיט הייסע טריט
גיי איך אין נאַכט אַריין —
אין כווישעך־הייל פון איינגעשטילטער וועלט.
פאַרהוילעניש. וועג אין וועג פאַרקנוילט, פאַרלאָפן.
אין אַלמערס, קאַסטנס פאַרשאָלטענע פרינצעסנס שלאָפן
נאָר פונעם קלונג פון מיינע טריט געצונדן
דער קישעף־שלאָף צעגייט, פאַרשוווּנדן.
באַס־מאַלקעס רירן זיך און קומען מיר אַנטקעגן
היים־גליענדיק געשטרעקט מיט בלענדנדיקער הויל.
אַ ליכטיקייט גייט אויף רויז־רויט
פון אונטער מיר, פון מיר, פון אונטער דר׳ערד ;

און ס׳פלאָנטערט זיך באַלד אויף פון הייל פון נאַכטיקער
דער טונקעלער וועגן־קנויל — — —
גייט אויף באַגער פון טאָג פאַרקוועלט, פאַרשטעלט,
די טריט געצונדן —
די זון פאַרגייט — פאַרגאַנגען.
מיט וואַרעמקייט און ליכט
מיין בלוט גייט זוניק אויף —
איז אופגעגאַנגען!

פּאַנעמדיקע מיינע

פּאַנעמדיקע מיינע —
זעענדיקע אויגן־ליכטיקייט ;
גליענדיקער שמייכל אַרום מויל —
הייסער אָטעם —
קלאַנג פון שטים —
צלם אלהים !

פּאַנעמדיקע,
פּאַנעם,
לויטער פּאַנעם —
נאָר פּאַנעם.

(שיינט דער פּאַנעם פון דער זון, פּאַנעם פון פרימאָרגן־וועלט ;
פּאַנעם פון ערד און אַלץ אױף דער ערד אַזוי זוניק באַהעלט).

און מיטאַמאָל —
פאַרשוווּנדן, בליץ־פאַרשניטן :
אוים פּאַנעם,
הינטערן פּאַנעם — קאַרק !
פליישיק, האָריק — שטום און טויב,
בלינדקייט, וועלקייט, געלקייט.

(בלינד און וועלק איז אין מאַרעוו־זייט. כווישעבניש.
פוילקייט, גרוילקייט אין טיף פון דער ערד).

פאַנעמדיקע מיינע —
פירט מיין וועג אַפן פאַנעם פון דער ערד.
גענעען איך צו מיזרעך־זייט —
צום אופגאַנג פון דער זון,
צום אופגאַנג פון דיין פאַנעם!
פאַנעם —
מיזרעך, מאַרעוו, דאָרעם, צאָפן —
אַלע עקן, אַלע ברעגן זיינען זיך צונויפגעגלאָפן.

פאַנעמדיקע מיינע,
זעענדיקע, לאַכנדיקע, אָטעמדיקעס וועזן,
איך האָב דיך דאָך אין אַלע אוילאָמעס גענישטערט!

(אַזוי אין אַלטע ספאָרים מייסעלעך געלעזן
און האָב אַזוי אַ גלויביקער צו דיר געפליסטערט...)

ברוינע

ברוינע, רויטלעך־ברוינע, זיינען דיינע האָר.
מיינע — קויל,
גליען מיט דעם שאַרפֿן, שטאָלן־שאַרפֿן גלי פֿון קויל.
זע, —
אין זשאַר פֿון פֿלאַמיקן קאַמין,
אויפֿגעגליט האָט העל אַ פֿייערדיקער רונדער קאָפּ,
פֿלאַמיקע אויגן און פֿלאַמיקע האָר,
שוואַרצע קוילן, —
פֿאַלן אינעם גלוט אַריין,
קנאַקן, שפּריצן,
פֿונעם פֿלאַם געבריט,
פֿונעם פֿלאַם פֿאַרגליט.
ווערן גלוטיקער די פֿייער־פֿעדעם,
בלוטיקן די אויגן.
דורכגעברענט האָט שוין דאָס האַרץ פֿון שוואַרצן קויל.
פֿליען פֿונקען אַף און אָפּ,
רונד אַרום דעם פֿייער־קאָפּ.
פֿונקען — פֿייער־אויגן,
רויטע צינגלעך,
שפּילט מיט רויטע צינגלעך זיך דער פֿייערדיקער מויל,
שלינגט און שלינגט אין זיך דעם דורכגעברענטן קויל.

ברוינע, רויטלעך־ברוינע, זון־פֿאַרברענטע — זיינען דיינע האָר
מיינע — קויל,
גליען מיט דעם שאַרפֿן, שטאָלן־שאַרפֿן גלי פֿון קויל.

איך און דו

איך און דו, —
אַ צווילינג ניט־געבוירענער.
צוויי לעבנס,
אין אַ נעץ פון אָדערן געפאַנגען.
גליד אין גליד —
איינגעקנאָטן,
איינגעפלאָכטן,
אויג אַף אויג, און מויל אַף מויל,
איינגעוויקלט —
ווי צוויי שלאַנגען אין אַ קנויל.
ראַנגלען מיר זיך —
פאַר איין טראָפּן בלוט פון מאַמע־האַרץ,
פאַר איין אָטעם פון דער מאַמע־טראַכט.
וויקלט בּיסלעכווייז דער קנויל זיך שוין פאַנאַנדער.
צוקן לעבּנס צוויי, —
ווער דורך ווייטיקן וועט פריער געבּוירן ווערן,
ווער פון אונדז וועט פריער גאָטס ליכט דערזען, —
גאָטס ליכט דערזען, —
און פון ליכט באַגלייט,
אינעם ליכט — צעשיידט.
איך און דו — אַ צווילינג ניט־געבּוירענער.

אַזאַ מויד —

אַזאַ קאָפּ מיט שוואַרצע האָר,
אַזאַ מויד מיט אַכצן יאָר! —
קומט פון פרעמד, צי קומט פון הי,
אַז זי שטעלט זיך אין דער פרי,
גיט זיך אַף מיין וועג — אַ וויג,
— אומגעריכט און צופעליק — — —
הייבן אָן די פיס צו גיין,
גייט דער טאָג אַוועק אַליין.
און מיין וועג — אַט, שווער און פויל —
רייסט זיך, טראָגט שוין ווי אַ קויל,
שטרעקט זיך אויס — יאָגט ווי אַ באַן,
לויפט אַ פרוי און ס'לויפט אַ מאַן,
פוס־נאָך־פוס, אין קאַראַהאָד,
פליט אַן אַקס, שלעפּט מיט אַ ראָד.
און אַ ריטער־רייטער רייט,
לענדער נאָענט און לענדער ווייט,
הימלען אָפּגעדעקט און קלאָר —
אַזאַ מויד מיט אַכצן יאָר!

טויבן

איבער דעכער ווייסע טויבן,
העלע, בלישטשענדיקע קרייזן —
האָפענונג, איבער אַלע שטויבן,
וועט זיך ווידער נאָך באַווייזן.

אָפּגעפלויגן — קומען ווידער,
איינס צום צווייטן צוגעלאָזן, —
שווערקייט פון דער ערד, פון נידער,
וועט מיין האַרצן נאָך פאַרלאָזן.

כ'האָב געזען דאָך יונגע יאָרן.
פולע טעג ווי פולע גאַרבן —
קען דען זיין ווי שפּעטער קאָרן,
אויסגעליידיקט זאָל איך שטאַרבן?

גראָע באַבעס, ווייסע הויבן
ליכט געזאַפּט פון אַלטע אויגן,
און דורך דרימלענדיקע שויבן,
איבער באַרג און טאָל געפלויגן.

טויבן־יאָרן — גוט און גלויביק.
דעכער, העכער, העלע קרייזן —
האָפענונג, יונג און ווייס און טויביק,
וועט זיך ווידער נאָך באַווייזן.

צו פּ. כ.

זיי האָבן אויסגעשטרעקט די הענט אין צוקנדיקן גלעט,
און ציינער האָבן זיך געביסן פעט און שוימיק.
די ערד אין שאָטנס האָט געשלעפט, — אַז ערוועדיקע בעט, —
נאָר פּלוצלונג האָט די נאַכט זיך אופגעעפנט ווייט און רוימיק,
און שטערן האָבן קינדיש זיך צערעדט.

און דורך באַהעלטעניש, — אַז אויג וואָס קוקט און זעט, — —
האָט אופגעהעלט דיין פּאָנעם — איינציק, דין און צוימיק.
די שאָטנס האָבן זיך גענומען טוליען, פאַלן אין געבעט,
נאָר איבער זיי, און איבער ליפּן פעט און שוימיק,
האָט שוין געלויכטן דיין געשטאַלט פון פרי ביז שפּעט.

מאַסקעס

כ׳האָב זיי אָפּגענאַרט, אָפּגענאַרט, אָפּגענאַרט, —
כ׳האָב מיט גלעקלעך זיך צעקלונגען קלינג און קלאַנג;
און געקלעטערט צו דער זון, ווי אַף אַ שטאַנג;
כ׳האָב געשטעלט זיך אַפן קאָפּ: אוראַנג־אוטאַנג!
— הורא — הורא!
קינדער וויינען, קינדער כליפּען: מאַמע־מאַ!
ניט פאַרטערט און ניט פאַרוויינט איז מיין געזאַנג,
אונטער מאַסקעדיקע אויגן, אונטער העפקערדיקע רייד,
איז געלעגן שאַרף דיין פּאָנעם, ווי אַ שווערד אין שייד.

כ׳האָב זיי אָפּגענאַרט, אָפּגענאַרט, אָפּגענאַרט.
ס׳האָט זיך נאַכט צעשפּילט, צעגליט מיט ווערים־ליכט, —
האָט דורך וואָלקנס זיך באַוויזן אַ געזיכט:
שווימט, פאַרשווינדט, און קומט — געריכט און אומגעריכט.
— הורא — הורא!
קינדער שלאָפן. קינדער שעפּטשען: מאַ־מאַ־מאַ!
רייסט מיין ליד זיך דורך די שאָטנס, — שיכט נאָך שיכט.
טרעטי־טרעטי, טאָג אַנטקעגן, טרעטי, פייגל, גרינער זאַנג!
ניט אוראַנג־אוטאַנג פאַרשטעלטער, — זוניק זינג, געזאַנג!

אומעטיק

אומעטיק, אומעטיק, או—ם,
לײדיקע צימערן — זשום.

װאַנטיקע, װאַנטיקע װאַנט,
קריכט אַף די שאָטנס מײַן האַנט.

שאָטנדיק, שאָטנדיק שאָ, —
דו בּיסט ניטאָ און ניטאָ.

נאַכטיקע, נאַכטיקע נאַכט,
נאַכט האָט מיר גאָרניט געבּראַכט.

שטילער און שטילער און שטיל, —
פּרוּװ זיך פֿאַרשטילן אין שפּיל.

רונד — אַרום, רונד — אַרום, רום,
אומעטיק, אומעטיק, או—ם.

קאַראַהאָד

קינדער, נעמט זיך פאַר די הענטלעך,
נעמט מיך אויך, — צוזאַמען!
לאָמיר אַלע — טאַטע, קינדער,
טאַנצן פאַר דער מאַמען.

שליסן מיר אַ קרייז, אַ ראָד,
מאַמע שטייט אין מיטן,
האַלטן מיר זיך פאַר די הענט,
זיך אַליין צו היטן.

אַז די מאַמע מיט איר ליכט,
זאָל פון אַלע זייטן
גיסן וואַרעמקייט אַף אונדז,
און פון שלעכטס דערווייטן.

אַז די מאַמע מיט איר גנאָד,
זיין זאָל לאַנגע יאָרן;
ברעכן מיר דעם רינג, דעם ראָד,
זיינען מיר פאַרלוירן.

אָפּגעריסן פון די רוימען,
שטערן פאַלט צו יאַמען;
פאַר די הענטלעך נעמט זיך קינדער,
רונד אַרום דער מאַמען.

אַ געזאַנג דורך אַ פענצטער

אַבו־באַבו אייגעלע,
אייגעלע, מיין פּייגעלע,
— דו־דו.

קייקלט נאַכט איר רייפעלע,
רייפעלע, מיין אויפעלע —
— רו־רו.

פּלאַפּל, פּלאַפּל, מיידעלע,
מיידעלע, ווייס־קליידעלע,
— גו־גו.

אין דער נאַכט און אין דערפרי,
טאַטע־מאַמע זיינען הי, —
— לו־לו.

ווייסער געלעכטער

ווייסער געלעכטער צעשפּליטערט אַף זוניק־צעהוליעטן וואַסער:
ווינטיקער שטיפער יאָגט זיך אַריבער די יאַמען.
און מיין קינד ליגט אין וויגל און פּלאַפּלט מיט פיסלעך און הענטלעך
און שמייכלט צו מיר און צו מאַמען.

ברעג אין אַ ברעג איינגעהאַלדזטע; אַ צודעק פון גליענדיקע זאַמדן
שפּרייט זיך דער יאַם אין זיין שטאַרקייט אַריבער די ברעגן.
און מיין קינד שלאָפט אין וויגל און כאָלעמט מיט ליכטיקע ליפּעלעך:
ס'קומט איר די מאַמע מיט אָפענע אָרעמס אַנטקעגן.

יולי

פאַרוואָס איז דער טאָג היינט אַזוי וווּנדערלעך און שיין?

דער טאָג איז וווּנדערלעך און שיין —
ווייל וואָלקנס לויערנדיקע דריי טעג נאָכאַנאַנד,
האָבן זיך אָפּגעטאָן פון אונדזער לאַנד.
און אַלע האָבן דערזען —
אַז אין די וואָלקן־טעג איז גאָרניט ניט געשען.
עס האָבן דינער, גרינער זיך צעוואַקסן נאָך די גראָזן,
און קריכנדיקער פלאַנץ איז ווייט אַרויף שוין אויף דער וואַנט.
כאָטש ס׳האָבן ווינטן הארבסטיקע אין מיטן יולי געבלאָזן.

זוניקע ביימער זינגען, וויגן זיך נאָך העכער.
פייגל האָבן פאַרלאָזט די האַרטע ברעגן פון די דעכער.
אַזוי פיל פעלדער מיט טווּוע פאַרלאָפן.
זיי וועלן ניט דאַרפן מער אַרומשפּרינגען אין אָרעמע גאַסן,
ברעקלעך צו קלייבן.
אַלץ ליגט אין דער וועלט איצט גרייט און אָפן.
פּיק, פּיק, פּיק — — און ס׳וועט נאָך בלייבן.

פאַרוואָס איז דער טאָג אַזוי וווּנדערלעך און שיין?

דער טאָג איז װוּנדערלעך און שײן —
װײַל אין דער ליכטיקײט האָב איך דערזען,
װי דו זיצט אַנטקעגן מיר מיט דײַנע אופגעמאַכטע ברעמען
און הינטער זײ דײַן גוטסקײט אױסגעבױגן,
הימלדיקע אױגן, —
און ס'בוקן זיך און טוקן זיך אין זײ פענעמער פון צװײ מײדעלעך
מיט רײנע, װײַסע קלײדעלעך
װאָס יאָגן מיך, אײנס גרעסער און אײנס קלענער, אַ שטאָפּל אַף
אַ שטאָפּל.
און אין דער זוניקײט — װי טײַבעלעך צופרידענע און זאַטע —
גײט אוף אַ קינדיש שטיפערישער פּלאַפּל:
טאַטע! טאַטע! טאַטע!

געזאַנג

וועל איך זינגען, זינגען, זינגען —
ס׳וועט מיין ליד הייַנט ניט געראָטן.
פייגל שטייען שוין אַף דראָטן,
פייגל זינגען שוין אַף צווייַגן,
שפּרינגען אום אין ליכט, און שאָטן. —
וועל איך בעסער שווייַגן.
כ׳בין געווען נאָך ווייַט פון דאַנען,
זייַנען זיי שוין אופגעשטאַנען,
אַף דייַן דאַך און אַף די שויבן,
ווער פון אונטן, ווער פון אויבן,
אָנגעפלויגן, אָנגעשווומען —
איידער איך בין נאָך געקומען.

גראָזן וואַקסן, פעלד מיט פלאַקסן;
טייך צעשפּרייט זיך נאָך די שלאַקסן.
שטויבן הייבן זיך און פאַלן —
קוואַלן קוועלן, טוי־קאַרעלן,
אָנגעצויגענע אַף שטראַלן.
אָנגעפלויגן, אָנגעשווומען,
ליד און פרייד מיר צוגענומען . . .
ניין, צו דיר בין איך געקומען.

צווישן פעלדער אַף די וועגן,
ניט צו זוכן ניט צום פרעגן —
קומסטו מיר אַליין אַנטקעגן.

— גוטע מאָרגנס — גוטע יאָרן.
— בּיסט געקומען שוין צופֿאָרן? —
— יע געקומען, הענט און ליפּן,
און ווי מעל דורך דינע זיפּן,
ווערטער, רייד — אי שטיל, אי אָפּן,
טעג פון ווארטן, טעג פון האָפּן,
וועל איך זינגען, וועל איך ריידן,
אי פֿאַר מיר, פֿאַר דיר — פֿאַר בּיידן.
אונדזער ליד — אין שיין פון שטערן,
אונדזער ליד — דורך פרייד און טרערן,
דאַרף נאָך ערשט געזונגען ווערן.

מיט דיר...

אז איך וועל שוין גאָרניט האָבן וואָס צו זאָגן,
אַלץ געזען, געווען און אויסגעהערט —
וועל איך אַלץ אין יענע טונקעלע פאַרטאָגן
גיין מיט דיר אַליין אַף דר'ערד.

שורעם הייזער — טיר און טויער, ניט צום קלאַפּן,
אַף די צווייגן הענגען אונדז'רע טעג;
ניט מיר גייען רייסן, ניט מיר גייען כאַפּן,
שמאָלער, שניידנדיקער וועג.

ביימער וואַקסן, קינדער וואַקסן, שאָטנס שטייגן,
— אַ גוט מאָרגן, אַ גוט יאָר, און — אוים;
דו וועסט מיך פאַרשטיין, און אופנעמען אין שווייגן,
גיין צוריק, ווי איצט פאַרוים.

ס'קומט אַ צייט אָן לידער, ס'קומט אַ שאָ פון שטומען
ווען אָן טרייסטונג הויערן דאָס וואָרט,
וועל איך אַלץ נאָך האָבן ווו צו קומען —
דו, מיין איינציקער, מיין לעצטער אָרט.

כ׳האָב געקליבן...

כ׳האָב געקליבן און געשריבן לידער, —
און זיך ניט צונויפגערעדט מיט מיינע ברידער.

צאַם געבראָכן און געהאַפּט אַלץ: מאָרגן, מאָרגן!
הינטער ריטמען איז געבליבן אַלץ פאַרבאָרגן.

רייד פון מויל געצופּט, געריסן, ווי אַ זויג־קינד בײַ אַ מאַמען,
און געקומען זיינען זילבן, אויסגעציילטע גראַמען.

און דאָס רויע, און דאָס קוואַליקע פון טיפן,
האָב פאַרביטן אַף לעגענדעס און אַף מיפן.

הער איך: איינער גריסט אַ צווייטן, וואָרט האָט וואָרט געטראָפן,
איך — מיר דוכט, איך זינג נאָר, ווייל איך קען ניט רעדן אָפן.

זאָל מיך טרייסטן, בענטשן, ווער עס קען נאָר בענטשן,
מיך — דעם ווערטער־האַר, דעם שטומען פון די שטומסטע
צווישן מענטשן.

ה. נײַ-אַנטאָלאָגיע

עס טרעפט א שאָ...

עס טרעפט אַ שאָ און ס'ווערט מיר דערווידער,
די גראַמען, מעטרען, זינגנדיקע לידער.

די אויסיעס אָפּגערוקט און עכאָדיק אַנטשוויגן,
און אַלץ ווערט אָפּגעדעקט, און אַלץ ווערט ליגן.

די שורעס איינציקווייז, צעפּאַלן זיך די זילבן
צעשאָטענע, צעשראָקענע, ווי קריכנדיקע מילבן.

די פּענעמער געשרומפּענע און מאַסקעס, ווי ראָלעטן,
קומט אָן אַ מאַכנע האָריקע פּאָעטן.

קומט אָן אַ מאַכנע בעטלערישע שטימען —
זאָגט איינער קאַדיש און דער צווייטער זינגט אַ הימען.

קריכט איינער אַף די ווענט און קלינגט אין גלאָקן,
דער צווייטער — טריט געמאָסטענע, אַ פּאָרעשדיקער זאָקן.

און אַלע באַ דעם הארצן כאַפּן זיך און בענקען נאָך אַ מאַמען,
און אַלע זיצן בעטלערדיק מיט פייערדיקע שראַמען.

און אַלע — נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל שוין לאַנג־געהערטע קלאָגן.
ניטאָ שוין וואָס צו זינגען — ניטאָ שוין וואָס צו זאָגן.

באַפֿאַלט אַ סינע מיר — די ביטערקייט פֿון גאַלן,
אָ, ווײ צו אײַך, פֿאַרהונגערטע שאַקאַלן!

אָ, ווײ צו אײַך פֿאַרשטעלטע, נאַרישע פּאַיאַצן,
וואָס טופּען טרערנדיק מיט מאַצנדיקע טאַצן.

איך וואָלט אַזוי אַ ביטערער אַוועק אַף וועגן,
און בײַ דעם ערשטן בעסטן מענטשן וואָלט איך פֿרעגן:

— ניט זינג, נאָר רײד, דערצײל מיר פּראָסט און אָפֿן,
וואָס האָט בײַ אײַך פּאַסירט, וואָס האָט געטראָפֿן.

דער וועטער-נאָווע זאָגט פֿאָרויס דעם וועטער

באַנאַכט וועט רעגענען.
אַווינט וועט אָנקומען פֿון אָקעאַן.
(די פֿייגל קומען זיך געזעגענען,
און פֿליען אַפּ פֿונדאַנען).

דער מיסיסיפּי איז געשוואָלן,
שוין הויך דריי מאָן,
און גרייט זיך גאָר אין מיטן האַרבסט
אַרויסצוגיין פֿון זיינע בּרעגן.
(דער פֿויער פֿון די טאָלן,
ער לאָזט צום בּאַרג זיך גיין,
דער הונט פֿאָרויס
מיט אומגעריכטן שרעק אין זיינע ציין).

פֿון די קאַראַבּייען בּיז די ראָקי־מאַונטיינס קריכט,
אַ שווערער נעפּל נידעריק, געדיכט.
(די מענטשן גרייטן זיך און דורך דעם נעפּלדיקן שימל,
זוכן זיי ווו אַ שטיקל הימל).

דער אינדיאַנער זומער —
אין איילעניש געקומען, אין איילעניש פֿאַרלאָזט.
אין צאָפֿן פֿון קאַנאַדע, פֿון קוויבּעק בּיז פּרעירים מאַניטאַבּע׳ר
וועט מאָרגן נידערן אַ ווייסער פֿראָסט —
— אָקטאָבּער.

די דריי פליִער

דריי מענטשן, דריי ברידער, מיט אָדלערשע אויגן,
אין דריי עראָפּלאַנען געפּלויגן.

אריבער די בערג און אריבער די טאָלן,
אַף ·עקן ווי פיש, און אַף פליגלען פון שטאָלן.

דורך וואָלקן, דורך לענדער, ווי פייל אויסן בויגן,
עס האָט זיי צו ווייטקייט, צו זוכן געצויגן.

האָט איינער געפונען דעם נעסט פון די ווינטן,
אין אייז־בערג באַהאַלטן, אין שניי־לאַבירינטן.

דער צווייטער האָט ווייטער, נאָך ווייטער, צו צאַפּן,
דער פּעטערל פּראָסט אין אַ הייל דאָרט געטראָפן.

דער דריטער, ער האָט צו דעם סאָף זיך פאַרנומען,
פון איין וועלט אַרויס אין אַ צווייטער געקומען.

דריי מענטשן, דריי ברידער, מיט אָדלערשע אויגן,
אַף שטאָלענע פליגלען געפלויגן.

געפלויגן, געזען, מיט פראָפּעלישן ברומען
פאַרמאַטערט צוריק אין דעם היים אָנגעקומען.

נו, זיצן די ברידער באַקרוינט מיט מעדאַלן,
דאָס פֿאָלק אַרום זיי טוט ראַק יובלען און שאַלן.

און זיי, ווי אין טראַנס גאָר, זיי טראַכטן און קלערן:
— איז וואָס טוט מען איצטער, ווו טוט מען זיך קערן?

געפֿלויגן, געטראָגן, געזוכט און געפֿונען,
ניטאָ מער קיין סוידעס, די ווייטקייט צערונען.

האָט איינער, דער עלטסטער, אַזוי געטאָן זאָגן:
— ווי ס׳קומט דער באַגינען, ווי ס׳הייבט נאָר אָן טאָגן,

וועל איך אַף אַ ערד־פּאָס פֿון וועלט אָפּגעשניטן,
אַרוים מיט אַ פֿערד, מיט אַ וואָגן און שליטן.

וועל אַקערן, זייען און שניידן מיין קאָרן,
און אָפּלעבן רויק די איבעריקע יאָרן.

זאָגט מיטלסטער ברודער: — וואָס טויג מיר פֿיר איילן?
וועל גיין אין דער וועלט און וועל מייסעס דערציילן.

דערציילן פֿון שטורעמס פֿון וואָלפֿיש און בערן,
און אַלטע און יונגע, ווער ס׳וויל נאָר זאָל הערן.

זאָגט אײנגסטער: — וואָס טויג מיר דאָס זאָגן און רעדן,
איך וועל מיט אײַך, ברידער, זיך איצטער צעשיידן.

האָב אײנמאָל געלאָזט זיך אין פלי־וועג אין גיכן,
איך קען אַף דער ערד, ווי אַ ראַק, מער ניט קריכן.

אזוי האָט דער מענטש אַ באַלון אָנגעבלאָזן,
אַליין זיך צוריק אין דער פוסטקייט געלאָזן.

אַוועק, און דורך רויכן — פאַרלאָשענע פלאַמען,
פאַרלוירן געוואָרן אַף קריעקע יאַמען.

וואָס ווייטער? דער ברודער אין פעלד, באַ די גאַרבן,
ווען ער איז געקומען אין שייער צו שטאַרבן;

עס האָבן די גלעקער גערופן, געקלונגען,
די ווייבער געכליפעט און פסאַלמען געזונגען.

מע האָט אים אין קייווער פאַרשאָטן, באַגראָבן, —
אוי, האָבן געקראַקעט די דאָרפישע ראָבן.

דער צווייטער מיט מייסעס פון שנייקע בערן,
ס'איז עפּעס געשען מיט זיין טראַכטן און קלערן.

מע זאָגט, אַז ער גייט אום אַף שטויביקע שליאַכן,
און מורמלט צו זיך ניט־פאַרשטענדלעכע זאַכן.

דער דריטער — פאַרשווונדן, ניטאָ, און פאַרפאַלן !
גיי פרעג בײַ די יאַמען, בײַ רווישיקע וואַלן.

מע האָט אים געזוכט שוין מיט פלאַנען, באַלונען,
געזוכט און געזוכט, און קיין שפור ניט געפונען.

און יינגערע דוירעס מיט אויגן וואָס וואַכן,
זיי לאָזן זיך ווידער אַריבער די פלאַכן.

אַריבער די שראָפן, צום יאַמיקן אָפן,
אַריבער די שנייען צום אייזיקן צאָפן.

עי, שטאָלענע פליגלען, איך טו אייך איצט בענטשן,
אַף אייער געפלי צום פאַרלוירענעם מענטשן.

דאס פֿאַרשווּנדענע הויז

1

אַרעמעלייט מיט זייערע קינדער, מיט טומל און געשריי,
זײַנען געזעסן אין הייזלעך אַפּן נידעריקן בעי.
זײַנען געזעסן, גערעדט פֿון קאַרנעגיע, גערעדט פֿון שוואַב.*) —
און געקראָכן דורך זאַמד, צו דער שטאָט, נאָך אַ דזשאַב.

און דערבײַ, אָן אַ זייט, פֿון געהובלעוועט האָלץ,
איז געשטאַנען אַ הויז אין פֿאַראייגזאַמטן שטאָלץ.

צוויי שטאָק און אַ האַלב, און אַ דאַך, ווי אַ טיש,
געפֿאַלדעטע ווענט, ווי די שופּן פֿון פֿיש.

דערהויבן, פֿאַרצויגן, אַליין און פֿאַרלאָזט,
אַ הויז צווישן הייזלעך אין רעגן און פֿראָסט.

קיין מענטש און קיין טראָט, ס'איז ניטאָ באַלעבאָס,
אַ שילדל: „פֿאָר סעיל", און פֿאַרזשאַווערטער שלאָס.

*) אַמעריקאַנער שטאָל־מאַגנאַטן.

2

זיינען זיך צונויפגעקומען עלטערע לייט,
און דערמאָנט די פאַרלאָפענע צייט.

— אַמאָל פלעגט דאָ קומען אין הייסן יון,
אַ רייכער מאַן זיך צו וואַרעמען אין זון.

אַ רייכער מאַן מיט בערדל און שניפּס,
אַ גראָער קאָפּ, אַזוי ווי פון גיפּס.

זיין יווירעש — קומט זומער: ער פליט צו אַ גליטש,
קומט ווינטער — ער יאָגט ערגעץ ווו צו אַ ביטש.

עס קוועלן מיליאָנען פון מינעס און אייל,
פאַרמאַכט דאָ די לאָדנס און: — „האַוז פאַר סעיל".

3

איז אַוועק אַ שווערער ווינטער, קומט אַ פרילינג.
קומט אַראָפּ דער יוירעש, זוכט ער: 23 בילינג!

זוכט ער געסל, זוכט ער נומער אויס,
אַלץ איז דאָ, נאָר ס׳איז ניטאָ דאָס הויז.

קלאַפּט ער מיט אַ שטעקן, טאַפּט ער מיט די פיס,
ליגט אַ שטיקל ערד אין פּלעקן, רים אַף רים.

ליגט אַ ציגל, ליגט אַ שינדל, ברוך און בראַק,
ליגט אַ שפּענדל און אַ הענטל פון אַ האַק.

און אַ דינער סלופּ איין־איינציק, אַפן שפּיץ,
— „האַוז פאָר סעיל", ווי אַ כויזעקדיקער וויץ.

הויז! ניטאָ דאָס הויז! צעטראָגט זיך אַ געשריי;
שרייט דער יוירעש, יאַכמערט, ליאַרעמט: — פּאַליציי!!

— וווּ איז מיין הויז אַוועק?
קומען אַן די בלאָע רעק.

— וואָס איז דאָ געשען?
פּאַליציי־לייט זאַלבעצען.

גייט מען זוכן, נאָר אין שטאָט וווּ אַלץ איז דאָ,
איז ניטאָ קיין פרעמדע, בלאָנדזשנדיקע הויז — ניטאָ!

איז ניטאָ קיין טויער און ניטאָ קיין שלאָס,
— ס'איז ניטאָ, באַלעבאָס!

4

וועבן וואונדער זיך אויס, לעגענדארישער קישעף,
אין פאַנטאַסטישע מייסעס, נאָר ניט אין אַ יישעוו.

איז — וואָס איז דאָ געווען? וואָס איז פּאָרט דאָ געשען? —
ס'איז אַ בייזער און גרויזאַמער ווינטער געווען.

האָבן בייסיקע ווינטן פון אָפענעם בעי,
זיך געקייקלט אַריבער די דעכלעך אין שניי.

און פאַריאָגט קינד און קייט, און געקראָכן דורך שפּאַלט,
און ניטאָ שוין קיין ברויט, און דער אויוון איז קאַלט.

איז געגאַנגען, געבראָדזשעט דורך שניי אָרעמאַן,
צום פאַרלאָזענעם הויז מיט פאַרהונגערטן שפּאַן.

גיט אַ צי, און אַ ריס, און אַ לאָדן מיט זיך,
און געשלעפּט אָפּן דיך צו זיין אָרעמער קיך.

פאַרקינדלט אַ פייער, צעוואַרעמט די הענט,
און שוין ווידער אַוועק צו פּוסט־פּאַסיקע ווענט.

העי, דו שניידיקער ווינט, לאָז דעם באַרג, ניט צעבלאָז,
אַז אָרעמער רייסט איצט פון פענצטער די גלאָז.

קומט אַ דריטער מיט פראָסט אַרום מויל, מיט אַ האַק,
און אַ פערטער שלעפּט מיט אַ פאַרלאַטעטן זאַק.

קום אַהער, און אַ בראָך, און אַ צופּ, און אַ שינד!!
קומען אָרעמעלייט, קומט אַ זאָקן, אַ קינד.

פאַלט אַ ציגל אַראָפּ, היט זיך, היט, ס'פאַלט דער דאַך!!
שלעפּ אַ ברעט, רייס אַ קלאָץ, — ניט געבליבן קיין סאַך.

און מע לאַטעט די הייזלעך אין באַרגיקן שניי,
ווער עס קאָכט, ווער עס באַקט — און שוין ווידער אַ גיי!!

מיט די פּיצעלעך הויז דורך די קרוכיקע פּרעסט,
הין־און־הער, ווי מוראַשקעס, וואָס האַווען צום נעסט.

און אַזוי דורכן ווינטער, אַ וואָך נאָך אַ וואָך,
איז צעגאַנגען דער שניי, איז געבליבן דער יאָך.

נאָר דאָס הויז איז פאַרשוווּנדן, אַוועק ביזן גרונט,
מיאַ־ו, מיאַ, — וויינט אַ קאַץ, און האַוו־האַוו — קלאָגט אַ הונט.

נאָר דאָס הויז איז אַוועק איבער טויער און צאַם,
ס'איז אַ מייסע וואָס האָט זיך געטראָפן באַם יאַם.

א מייסע פון ווינטערסוויל, אהייא

מייסעס קומען און פּאַסירן,
טרעפט אַמאָל אַ נייע.
ווער עס וויל זאָל הערן, גאַפן,
זאָגן אָן די טעלעגראַפן,
ווינטערסוויל, אָהייאָ.

ליגט דאָס שטעטל בײַ די שליאַכן,
ציט זיך ווי אַ ווירע,
וווינען איינע, אַלטע שכיינעם,
צאָם בײַ צאַם געבויט איניינעם,
דירע בײַ אַ דירע.

טומלט זיך פון שטעט, פון קראַכן,
געלע, שוואַרצע, ווייסע.
אָבער איינמאָל איז אין יאָרן,
ווינטערסוויל אַרויסגעפאָרן
מיט אַ מאָדנער מייסע.

אױף אַ בוים, אין מיטן שטעטל,
העכער צו די שפּיצן,
איז אַ קאַץ מיט שנעלע שווונגען,
שפּעט בײַנאַכט אַרופגעשפּרונגען,
און געבליבן זיצן.

פרעמדע קאַץ, ווער ווייסט פונוואַנען ? —
איבער אַלע דעכער.
איז פאַרגאַנגען זיך אין קלאַגן,
דורך דער נאַכט און ביז צום טאָגן,
מיאו און מיאו, און העכער.

קומט אַ טאָג, די שאָ פון פּראַצע,
אַקערס, האַמערס, זעגן.
איבער אַלץ דאָס קעציש וויינען,
ווילדער מיאו, וואָס קען דאָס מיינען ?
הייבט מען אָן צו פרעגן.

זאַמלט רעדל זיך נאָך רעדל,
שטיפן קינדער מונטער :
— נאַ דיר מילך און פּוטער קעצל,
קעצל, נאַ אַ פולע טעצל,
קום אַהער אַרונטער ! !

אָבער קאַץ שוין זעקס מעסלעסן,
בּרענט מיט אויגן גרינע,
דורך די בּלעטער : ציינדעלעך בּליציק,
שאַרף, אַוואַיעדיק און שפּיציק;
גאַווערן מיט סינע.

זשומען באַנען, עראָפּלאַנען,
לאַנד פון בראַווע, פרייע.
אָבער קאַץ האָט מיט איר קלאָגן,
אַלטע שאָטנס אָנגעטראָגן,
ווינטערסוויל, אָהייאָ.

ווינט און מיאַוקעט. נאַכט. אין וויגן,
וואַרפן זיך די קינדער.
קוקן באָבעס דורך די שויבן,
וואַקסט און וואַקסט דער אַבערגלויבן,
בלינדע נאַכט ווערט בלינדער.

הייבט זיך אוף פון הינטער צלאָמים,
שרעק פון ווייטע דוירעס:
ערשטער:
— שעד אַף הויקערדיקע פּלייצעס,
צווייטער:
— שעד טרייבט פערד אַרום אָן לייצעס,
דריטער:
— גילגל פון די פּרעירים.

שרעק פאַרוועבט זיך אין לעגענדע
יעדער שפּינט באַזונדער:
ערשטער:
— בוים האָט אָנגעהויבן וועלקן.
צווייטער:
— קי זיך אופגעהערט צו מעלקן.
דריטער:
— וונדער, בייזע וונדער!!

פּלוצלונג אין דער נאַכט אין צענטער,
ווערט דער מיאו אַנטשוויגן.
אין דער פרי אין ליכט פון זונען,
האָט מען ביי דעם בוים געפונען,
קאַץ אַ טויטע ליגן.

גייען יונגען, גייען גרעבער,
קעצישע לעוואַיע.
אַלע, אַלע, אָקן־באַקן,
ס'האָבן אויסגעפּעלט נאָר גלאָקן,
ווינטערסוויל, אַהייאַ.

מייסעם קומען און פּאַסירן,
סימכעס און לעוואַיעס.
ווער עס וויל זאָל הערן, גאַפן,
שרייען אויס די טעלעגראַפן:
— נייס, נייס, נייס.

די װוּנדער פֿון טעראַ־קאָטאַ, מעין

ווו טרעפן אַלע ווונדער?
דאָס ווייסן גרויס און קליין.
פּאַרטראַגן, ווייט פון קראַכן,
באַ בערג פון ווייסן שטיין,
ליגט אָפּגערוקט פון שליאַכן,
אַ שטעטעלע באַזונדער,
ליגט סוידעסדיק אַליין —
ליגט טערא קאַטאַ, מעין.

אַ פּלאַסט אויף פּלאַסט — גראַניטן,
און שניי אויף שפּיץ פון באַרג.
אויף דענקמעלער צעשניטן,
שיקט מעין געשטיין אין מאַרק;
ליגט צאַפּנדיקע שטרעק,
אי קיל, אי שטיל, אי שיין. —
דאָס שטעטל באַ קוויבעק,
אַ דענקמאָל איז אַליין.

דער אָנהייב פון דעם יישעוו, —
לעגענדע, ווייטער קאָל:
אַ פרעמדער דורך די יאָמען,
געקומען איז אַמאָל.
אַ פרוי מיט מאָדנעם קישעף
באַגלייט האָט אים, צוזאַמען
גענומען דלאַט און אַל —
געבויט אַ הויז אין טאָל.

געבויט, געזוכט, געפונען, —
געלייגט דעם ערשטן וועג;
און אופגעדעקט דעם צאָפן, —
פילגרים, צי ווער — ניט פרעג!
אַ קעניג איז אַנטלאָפן?
צי איז אַ שקלאַף אַנטרונען?
אַ סאַד, געהיימער שטעג,
געהיימניספולע טעג.

פאַרהוילענע געשטאַלטן!
צי איז דאָס טרוים, צי וואָר?
דורך ניסימדיקע טראַפן
גייט דורך שוין דאָר נאָך דאָר — — —
אַ שטעטעלע באַהאַלטן,
אַ שטעטעלע צום גאַפן —
היט איין אַלץ ביז אַ האָר,
באַ פעלדזן ווייס און קלאָר.

און יאָר נאָך יאָר — דורך יאָרן —
אַ נעם יאָגט נאָך אַ נעם:
אַמאָל האָט שוין געטראָפן
מע האָט געפירט אַ מעם,
און מיטאַמאָל דער אָרן,
הויבט אוף דעם דעק און — אָפן!
דער טויטער איז קיין מעם —
— נאַ, וואַסער, ברויט און עס!

עהע, האָט זיך געטומלט,
אַ ראָד גייט נאָך אַ ראָד.
נאָר באַלד אַ צווייטע מייסע,
לויפט אָן אַ נייער סאָד.
דער פאַרמער מייק אָנומלט
דערזען האָט בליטן ווייסע
אין מיטן פראָסט, גאָטס גנאָד,
זיי בליען אין זיין סאָד!

אין צייט פון קריג, פאַרלוירן,
געווען איז לאַנד איז נויט.
אַ וווּנדער, ווי אַף שפּאַסן,
אַ קאַלב מיט מאָדנער הויט,
געבוירן איז געוואָרן,
באַפּינטלט און מיט פּאַסן,
געקראָכן בא אַ פּלויט —
אַ פאָן — ווייס־בלאָ און רויט!

מע האָט די קאַלב געטראָגן,
געלאָפן אויף און אָפּ.
מע האָט געציילט די שטאַטן,
פון עקל ביזן קאָפּ.
נאָר טאָג נאָך טאָג טוט יאָגן,
דורך ווערטער און דורך טאַטן,
מיט זון און רעגן־טראָפּ,
פאַלט אַ וווּנדער־שרעק אַראָפּ.

די נאַכט איז העל. לעוואַנע,
שיינט מיט אַ זעלטן ליכט.
אַרום איר לייכט אַ ציילעם,
אין ציילעם אַ געזיכט.
— אַ שטראָף, צי אַ מאַטאַנע? —
צעשראָקן שטייט דער אוילאָם,
ווי שעפּסעלעך געדיכט,
אין שטורעם אומגעריכט.

אָ, וווּנדער, מאָדנע וווּנדער!
ס׳ווערט רוישיקער דער שליאַך.
דאָך טרעפט און ס׳האָט געטראָפן, — —
די זקיינים זיינען וואַך.
מע הערט ניט אויף צו האָפן
צוזאַמען און באַזונדער,
פון פרי ביז שפּעט — מעסלעם,
צו וואַרטן אַף אַ נעס.

מע הערט ניט אויף דערציילן —
ניטאָ צו טרוים קיין סאָף.
און קומט עס ניט אין וואַכן,
דאַן פליט עס אָן אין שלאָף.
מיר אַלע אין די קראַכן,
מיר מעגן שטוינען, לאַכן
נאָר טעראַ־קאַטאַ קליין,
קומט אַלץ אַפּסניי צוגיין.

א מייסע וואס עס האט געטראפן
מיט א בוים

1

א בוים איז געשטאַנען, געשטאַנען, —
א צייט קומט צו בליען, אַ צייט קומט צו וויאַנען.

ווי נעכטן, פאַריאָרן — האָט ווידער געטראָפן:
א ווינט איז געקומען צופליען פון צאָפן.

וואָס בלעטער, ווען בלעטער — די פייגל פאַרטריבן,
אליין און אליין איז דער בוים דאָ געבליבן.

2

פיר זייטן, פיר הימלען — פון פאָרנט פון הינטן.
דער בוים האָט גענייגט זיך צו אַלע פיר ווינטן.

ציט מאַרעוו — דער בוים נייגט צו דר'ערד זיך, וויל ציען!
פליט מיזרעך — דער בוים וואַרפט מיט צווייגן — וויל פליען!

צו דאָרעם, צו צאָפן — טרעפט ווינטן, זיי שרייען,
דער בוים שרייט מיט זיי און ער בייגט זיך אין דרייען.

אין זוניקע טעג, אונטער שטערן וואָס פינקלען, —
ביז האַרבסט האָט צעלייגט זיך אין אַלע פיר ווינקלען.

3

דער ווינט האָט געווייט און נאָך דאָרעם געצויגן !
דער בוים, שוין האַלב נאַקעט, האָט דאַר זיך געבויגן.

ביז שטאַר, און צעריסן, מיט שפּיציקע צווייגן —
וואָס טראַכט ער, דער בוים, אין זיין נאַקעטן שווייגן ?

און דאָ איז געשען — און עס איז זיך פאַרלאָפן,
דאָס ווייסט ער, דער ווינט, פון ברויגעזן צאָפן.

דער בוים האָט אין ווינטיקן כוישעך פאַרנומען :
— פאַר וואָס זאָל איך שטיין דאָ און וועלקן, און שטומען ?

פאַר וואָס זאָל איך שטיין דאָ גענאַרט און פאַרלאָזן ?
דער ווינט האָט געצופּט און דער ווינט האָט געבלאָזן.

געטראַכט אין דער נאַכט — האָט דער בוים זיך צעבונדן !
אַ ריס — און ער שלעפּט זיינע וואָרצלען פון גרונטן !

אַ ריס — און ווי קריכיקע, גיכיקע שלאַנגען,
די וואָרצלען זיך רירן, זיך רירן — געגאַנגען !

אַ ריס — און אַוועק פאַרביי ליכטיקע היימען —
די ווערים געלאָזן אַף אָפענע ליימען.

4

א מייסע וואָס איז אין דער נאַכט זיך פאַרלאָפן,
און וואָס האָט דערנאָך מיט דעם בוים זיך געטראָפן?

צי ליגט ער איצט ערגעץ אויף מיטן פון וועגן?
— ווי קומט ער אַהער? — שטייען מענטשן און פרעגן.

געפאַלן — פאַרהאַלטן די פערד אין די שפּאַנען.
— נו, היידאַ, אַ טראַג, נעמט אַוועק אים פונדאַנען!

אין זשאַבישן גראָבן פאַרפוילט וועט ער ווערן? — — — —
וואָס טויג אונדז דאָס טראַכטן, וואָס טויג אונדז דאָס קלערן.

דער בוים איז אַוועק, געלע בלעטער, זיי טאַנצן, —
קומט לאָמיר אַ בוים איצט אַ נייעם פאַרפלאַנצן!...

דער דערטרונקענער אין קוני איילאַנד

אין דער ליכטיקער פֿרי האָט דאָס דאָרף, וואָס ליגט בּאַם יאַם
אופגעציטערט,
אַ מויל האָט צו אַ מויל געטראָגן: —
— דאָס וואַסער האָט אַ דערטרונקענעם געבראַכט.

(פֿאַרנאַכט האָט דער יאַם געוויטערט,
מיט טויזנט מיילער אין אימפּעטיקן יאָגן —
האָט כוואַליע אַף כוואַליע געוואָרפֿן זיך מיט כאַיעדיקן שרייען
צו שלינגען, איינצושלינגען און אויסצושפּייען).

בּלאָ, וואַסער בּלאָ.
אויגן בּלאָע — צוויי גלעזערנע שפּיל־רעסלעך,
בּלאָקייט אַפּן פּליך,
בּלאָקייט אַף די הענט צוגעדריקט צום דיך.
קאַלט, וואַסערדיק, פֿאַרפֿרוירן.
שטייען ווייבּער און שאַצן זיינע יאָרן.

(אין דער זוניקייט פֿינטלט דער יאַם שלעפֿעריק מיט זיינע אויגן.
די כוואַליעס האָבּן זייערס אויסגעשפּיגן
און ווערן אַנטשוויגן).

און באַם טויטן — פון יאַם אַרויסגעשליידערטע,
האַלץ, שטרוי, צעבראָכענע פּעסלעך,
בראַכוואַרג.
און פון אונטערן בראַכוואַרג אַ גרינלעך־גראָער עק פון אַ ראַץ.
(אַ היימישער ראַץ אַף אַ שיפל פאַרקראָכן,
געשמוגלט כעיונע, געדייזט איבער יאַמען ביז ס׳האָט דאָס שיפל
זיך צעבראָכן . . .).

קינדער גראָבן אַ גרוב אין זאַמד,
צוויי קוואָרים שטייען אָפּן:
ש—ש—ש
לאָזט דעם יאַם גיין שלאָפן.

די דריי וועכטער זיינען ניט צוריקגעקומען...

זאַלבעדריט, זאַלבעדריט,
מיט פאַרהוילענע טריט,
די טראַנשעען פאַרלאָזט,
און אין פעלד זיך געלאָזט,
אַף דער וואַכט, אין דער נאַכט,
אין דער טונקעלער נאַכט.

וואַלקנס רונד, וואַלקנס הויך,
ערד און הימל און רויך ;
שווערד געשאַרפט, קויל געגרייט,
און פון אומרו באַגלייט, — —
זאַלבעדריט, זאַלבעדריט,
מיט פאַרבאָרגענע טריט.

קוקט דער טויט פון דער זייט,
ס'איז דער סוינע ניט ווייט,
שאַ, די קניען געבויגט,
און אַף דר'ערד זיך געלייגט,
אַף דער וואַכט, אין דער נאַכט,
אין דער טונקעלער נאַכט.

טיאָך און טיאָך, מיטאמאָל,
צי פון באַרג, צי פון טאָל,
טוען שאָטנס א שפּרונג,
גיבן מעסערס א קלונג, — — — —
אָן א רוף, אָן געשריי,
אַלע דריי ליגן זיי.

זאַלבעדריט, זאַלבעדריט,
מיט פאַרהוילענע טריט,
זיך געלאָזט אינעם וועג,
און אַף אייביק אוועק,
אַף דער וואַכט, אין דער נאַכט,
אין דער פינצטערער נאַכט.

דער מאַרש אַף ריווינגטאָן סטריט

— פּייערל, פּייערל ברען.
יינגלעך און מיידלעך — אַ ראָד זאַלבע צען,
רונדאום — אַ פּייער צעלייגט אַף אַ ראָג,
ריווינגטאָן סטריט אין אַ הארבסטיקן טאָג.
רונדאום — מיט בלישטשנדיקע אייגעלעך און ציין,
ווי די אינדיאַנער באַם „היילִיקן שטיין”.
— לאַ־לאַ — געקייטלטע טראָטן און הענט, —
הינטער די קינדער פאַרזשאַווערטע ווענט,
הינטער די ווענט — טריט־און־טראָט אין געלאַף,
און אַ קאַט'רינקע מיט בעטלער'שער אַף.
פליט דער זיג־זאַגישער רעדער־גוואַלד
אוף צו די טורעמס און שפּיצן — אַ וואַלד —
ראָש צו דעם אַשיקן נעפּל פון רויך
און צו דער הארבסטיקער זון אין דער הויך.

רווישיקע שטאָט אין אַ הארבסטיקן טאָג.
קרייזט זיך אַ קינדערשער מאַרש באַ אַ ראָג,
מאַרש פון די פעלקער צום יובל פון לאַנד, —
גייען צען קינדער — צען פעלקער — באַנאַנד,
פּאָכען מיט שמאַטעס — מיט פענער פּאַרויס.
ענגלענדער, שפּאַניער — און דייטש און פראַנצויז,
סלאַוו, איטאַליענער, אַראַבער און רוס,
גייען אויך נעגער און איד — פוס אין פוס,

פלוצים — און ס׳שפרינגט אָן פון ערגעץ אַ מויז,
טוז — און אַריין אינעם גרונט פון אַ הויז.
פאַלט אום דער קרייז פון די פעלקער צען,
אוים מיטן מאַרש — ווי ס׳איז גאָרניט געווען,
לויפן די קינדער דעם מייזעלע נאָך,
און איינער וואַרפט זיך אַף דר׳ערד בײַ דער לאָך:
„מייזל, דו מייזל, מיר שפּילן אין קאָן,
נאַ דיר אַ ביינערנעם, גיב מיר אַן אייזערנעם צאָן“! . . .

* * *

— לאַ־לאַ־לאַ,
פּייערל,
פּייערל,
ברען!
יינגעלעך און מיידלעך אַ ראָד זאַלבע־צען;
הינטער דעם לויף און געלאַף פון דער שטאָט
דרייט זיך שוין ווידער דאָס קינדערשע ראָד.

דער קונצנמאַכער איז דאָ!

ווי אַ קאַץ, —
אַזוי פֿלינק, אַזוי גרינג,
פֿון אַ שטריק, צו אַ שטריק,
אָט גאָר הויך, אָט צוריק;
אַפֿן אָרעם אַ טאַץ,
אָט אַ שפּרונג, אָט אַ קלונג.
ווי אַ שפּין, —
וועבט אַהער, וועבט אַהין,
אין דער טיף, אין דער ברייט,
אין אַ ראָד זיך פֿאַרדרייט,
זיך צעלאָזט ווי אַ שלאַנג,
אין געשווונג, אין געקלאַנג;
גיט זיך פֿלוצלונג אַ ריס,
הענגט און שווינגט מיט די פֿיס,
אין דער ברייט, אין דער לענג.
מיטאַמאָל: בינג און בענג!
— האָפּ!
קאָפּ אַראָפּ, קאָפּ אַראָפּ,
— טויט!

שטייט אַן עלעפֿאַנט גרייט,
ווי אַ פֿעלדז מויער שטאַרק,
זיצט ער שטאָלץ אַף זיין קאַרק,
מיטן טאַץ אים אַ שטורך,
און מיט ווונק און געקלונג,
דורכן טויער אַדורך.

אַ שול-ייִנגל האָט זיך דאָס לעבן גענומען

צוויי שול-ייִנגלעך זייִנען געזעסן, גערעדט וועגן טויט.
איינער האָט געקייט אַן עפּל, דער צווייטער האָט גענעסן ברויט.

— געשטאָרבן, וואָס מיינט טויט?
— נאַרישער קאָפּ, אַלץ שטעלט זיך אָפּ.
— און דערנאָך וואָס ווערט?
— ווערן — ווערט, וואָס זאָל ווערן? מע טראָגט אַרויס פון הויז,
מע לייגט אַריין אין דר'ערד און אויס.
— און דערנאָך?
— מע ליגט איין וואָך, נאָך אַ וואָך,
און אַלץ ווערט ערד.

(ערשטער ייִנגל,
שטעלט אַרויס אַ צינגל,
גיט אַ פּייף.
שטייף:)

— דערנאָך וואָס ווערט?
— גראָז. פון דר'ערד וואַקסט גראָז.
— נו?
— אַ קו מאַכט מו.
קו עסט אויף דאָס גראָז.
— און ווייטער?
— מעלקט מען דעם אייטער,
קוילעט מען, עסט מע פלייש,
פלייש און ביין,
ביז דער טויט קומט ווידער צוגיין.

(ערשטער ייִנגל מאָדנע לאַכט,
כאַפּט אַ קוק אין דער זון,
און זאָגט אַרויס פאַרטראַכט:
— און? . . .)

(צווייטער אינגל — שלונג נאָך שלונג,
אָט אַ רייד און אָט אַ זונג — — —)
— און — און — און, אַ ווייסע הון,
מענטש מיט גראָז און גראָז מיט קו,
לאָז צורו!

ערשטער ייִנגל האָט אַראָפּגעלאָזט די נאָז,
און ציטעריק און קליין ווי אַ האָז,
איז ער אַוועק אַהיים אַזוי גיך,
די מאַמען געקושט, געגלעט אירע האָר,
דעם טאַטן אין די אויגן געקוקט,
געגלעט זיין האַנט:
— איז דאָס וואָר? . . .
און באַנאַכט, אין בעט אַליין
האָט ער אויף דער וואַנט,
איבער זיך,
דערזען זיין שאָטן שטיין.

אַ ליד וועגן אַ שאָכן וואָס איז געשטאָרבן

אַלע האָבן געזען טויטע,
געגאַנגען צו לעוואַיעס, —
איך אויך, — —
שטאַרבן איז בײַ קיינעם דאָך קיין נייעס.
נאָר אַז איך האָב היינט אין געסל וווּ איך וווין,
אין שײַן פון זילבערנער לעוואָנע,
דערזען אַנטקעגן מיר די קינדערלאָזע אַלמאָנע,
שפּאַן, שפּאַן, שפּאַן, —
— וואָס מאַכט דער מאַן?
כ׳האָב זיך פאַרשעמט פאַר זיך, אין וועמען בין איך דאָ געראָטן?
מע האָט איר מאַן ערשט נעכטן דאָך פאַרשאָטן.

אַ פּאָשעטער איד געוועזן,
אַ שטילער שאָכן.
נאָר זי ווער איז? זי מיט די גראָע האָר?
אַ יאָר פערציק, צי פופציק גאָר?
איין־אַליין,
אָן קינד, אָן קאָל.
אַ שאָטן איז געלאָפן, אויף די טירן געקראָכן,
אין זילבער־שײַן האָב איך געזען,
בײַ די ווינקלען פון איר מויל,
האָט געוויין זיך נאָך געצוקט, געבראָכן.

לעוואָנע שיינט. די פענצטער שלאָפֿן.
אַלץ איז, דוכט זיך, רויק — ס'האָט קיינזאַך ניט געטראָפֿן.
ניט אַנדערש, אַז זי מיט איר געשפּענסטער־בליק,
שטייף און שטאַר,
איז געקומען ערגעץ פֿון דער ווייט, פֿאַרשוויגן,
מיט פֿרעמדער עלנטקייט און צאַר,
מיט פּוסטקייט הינטער זיך צו שרעקן,
קליינע קינדער אין די וויגן,
און אין שוואַרצן טרויער,
אונדזער געסל צו פֿאַרדעקן.

— גוט־נ'אָוונט.
— גוט יאָר !
בײַ אונדז אין געסל איז געווען אַ פּאָר.
אַ שוועל האָט זיך באַנאַכט פֿון אַלע שוועלן אָפּגעטיילט,
אַ הויז האָט זיך פֿאַרצויגן און אויסגעהיילט,
איין־אַליין,
געלאָזט זיך גיין, — —
אַלמאָנע אין לעוואָנע־שיין.

זיין צוואָע *

איבער טויזנטער קעפּ אַף יוניאָן־סקווער,
באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע,
איבער פּענעמער צוויי אין שוואַרצן באַצויגן,
האָט אַ בלענד געטאָן פאַר מיינע אויגן —
בלאָנדהאָריקער,
ייִנגלשער —
ד אַ נ ט ע !

קליינער ייִנגל,
וועסט דאַרפן גיין איצט צו אַלע שיווע יאָמען,
צונויפקלייבן אַש צעשאָטענעם.
וועסט דאַרפן גיין איצט צו אַלע שיווע יאָמען —
צעשיטן די אַש פון דיין טאַטן.
דו, וואָס דו האָסט געזען די פינצטערקייט פון גראַטן,
מיט יאָסעמדיקייט אָנטקעגן,
מיט מאַמעס טרויער —
ווי שאָטנדיקער פליגל־פלאַטער אַף אַלע וועגן —
דו טראָגסט דעם טאַטנס קייטן אַף די הענט,
און ווי דער טאַטע האָט געבעטן —
ווען מען האָט אים פאַרברענט —
וועסטו גיין מיט דער מאַמען שפּאַצירן, —
קאַליקעס פירן, —
בלאָנדהאָריקער,
ליכטיקער
ד אַ נ ט ע !

---

*) די צוואָע וואָס דער אַנאַרכיסט־מאַרטירער סאַקאָ האָט איבערגעלאָזט פאַר זיין 12־יאָריקן זון, דאַנטע. סאַקאָ איז צוזאַמען מיט וואַנזעטין הינגעריכטעט געוואָרן אין באָסטאָן, דעם 22טן אווגוסט, 1927.

א מייסע וואס ס'האט געטראפן מיט א יידן אין א ווינטער־נאכט

1

אַן עלטערע פרוי אין קליין־שטעטלשן הויז:
— צי איז אַזוי שפּעט נאָך דער טאַטע אין קלויז?

די טאָכטער: — סע סקריפּעט אַף דרויסן דער שניי,
צי האָב איך אָקאָרשט ניט געהערט אַ געשריי?

די מאַמע: — נעם, טו אָן דיין שאַל, לאָמיר גיין,
אָ, מאַלע־וואָס ס׳דוכט זיך פון זיצן אַליין.

לאַמטערנע געצונדן, דאָס טירל פאַרמאַכט,
צוויי שאָטנס אַריבערן שניי, אין דער נאַכט.

2

אָנגעפּושנעט, פראָסט ווערט שטאַרק,
הייזלעך אָפּגערוקט פון מאַרק.

שפּליטער־שניי שניידט אין געזיכט,
אין לאַמטערנע צאַנקט דאָס ליכט.

שטומע פענצטער, ווינטער־שלאָף,
שפּרייט זיך איינזאַמקייט אָן סאָף.

ליגט פאַרשאָטן אין דעם טאָל,
ליגט מיין שטעטל ווי אַמאָל.

3

אין שטעטלשן שענק, צווישן רויכיקע ווענט,
אוי, האָט היינט געטומלט, אוי, האָט היינט געברענט!

געגאָסן, געפּלאָסן, אַ פּלאַש נאָך אַ פּלאַש,
— אהער נאָך אַ גלעזל! — אַן עפּן די טאַש! — — —

דריי גויים — צעפּאַטלט, צעהויליעטע קעפּ,
דריי גויים — ווערזולום, קאַווארנע — אלעפּ.

געקומען אַ שליטן מיט בייטשן, מיט ווייץ,
— ס'איז קאַלט בּאַ דיר, זשידקו, דעם אויוון פאַרהייץ.

פאַרקויפט שוין די טוווע, נו, היידאַ, אין שענק!
— עי, מאַשקע, אהערצו, מיט בראַנפן פאַרשווענק!

געטרונקען, געשווירן בּאַם הייליקן קינד,
געשריען, פאַרשריען דעם וואָיען פון ווינט.

נאָר ווינטער — אָ־הו! — ס'ווערט פאַרטראָגן די ערד,
געוואָי און געוויי און אַ הירזשען פון פערד.

— אהיים! — גוטע נאַכט!
— גוטע נאַכט!
— גוטע נאַכט!
דער שענקער: ס'האָט גאָט היינט די גויים געבראַכט!

4

די שינעם שאַרף, די סליאַדן לאַנג,
עס גאָרגלט פֿויערשער געזאַנג.

דער שניי פֿליט־אויף ווי ווייסער מעל,
און שטיקט דעם אָטעם, שטיקט די קעל.

אַ בייטשן־קנאַל, אַ הייסע רוט,
עס ברענט דער שניי, עס פֿלאַמט דאָס בלוט.

דער מאַרק איז מידבערדיק און פּוסט,
גייט אַ געשטאַלט און גיט אַ הוסט.

געבויגן אין אַ פּעלץ פֿאַרדרייט,
אַהיים פֿון שול דער שאַמעס גייט.

ער גייט און זעט פֿון ווייט זיין שוועל — — — —
טראָגט אָן אַ שליטן זיך אַף שנעל.

און אין געזאַנג, אין ווילדן פֿלאַם,
קנאַלט־אויף אַ בייטש אין ווייסן יאַם.

וועזולום זאָגט: — נעם, גיב אַ שלעפּ!
רעב שייע ליגט שוין צווישן קעפּ.

קאוואַרנע שמייסט: — עי, פערדלעך, ברענט!
רעב שייע ליגט שוין צווישן הענט.

ער ליגט אין שליטן קאָפּ אַראָפּ,
דער שליטן, וויאָ! גאַלאָפּ, גאַלאָפּ!

עס פּולוועריט העכער זיך דער שניי,
פאַרהילט דעם יידנס וויי־געשריי.

אַרויס פון מאַרק, אַרויס פון שטאָט,
— אוי, גאָט!!

עס דרייט דער וועג זיך ווי אַ טרעפּ,
עס דרייען זיך די דולע קעפּ.

וועזולום זאָגט: — ער ליגט און ברומט,
ליג, קעלבעלע, און ווער פאַרשטומט.

און ס'לאַכט אַלעמ: — ניט פעלץ, נאָר פוך!
זאָל אומקומען פאַרשאָלטן דוך!

קאַוואַרנע שילט: — אַ הונט איז — וואָן!
אַ קריי טאָן וועט אויך ניט קיין האָן.

און אַלע דריי אַ שטופּ, אַ וואָרף,
באַם ציילעם צווישן שטאָט און דאָרף.

דער שליטן יאָגט, עס בילן הינט,
די נאַכט איז ווייס, די נאַכט איז בלינד,

5

פליטערלעך — שטערנדלעך וויגן זיך, פאַלן,
לייגן זיך אויס אַף די בערגלעך און טאָלן.
לייכטן ווי פאַקלען די ביימערשע שפּיצן,
פענצטערלעך קליינע באַבלומט און באַמאָלן.
הינטער דעם אויוון די באָבע טוט זיצן,
זיצט זי אַזוי ווי אַמאָל דורך די יאָרן,
— זיצט זי — אַ ליכטיקער שניי־מענטש פאַרפרוירן.
מורמלט זי: — כ'וועל אייך אַ מייסע דערציילן:
ערגעץ־ווו, ווייט, ליגן פינצטערע היילן,
טיף אין דער נאַכט קומען ריזן־געשטאַלטן,
קומען גאַזלאָנים דעם רויב צו באַהאַלטן.
דאָ אָבער, קינדער, האָט קיין זאַך געטראָפן,
שאַט, מיינע פייגעלעך, צייט שוין צו שלאָפן.

דער אָקס

א מייסע וואָס האָט זיך געטראָפֿן,
אין איליע, בײַ ווילנע פֿאַרלאָפֿן,
ווע̇ל איך איצט דערציילן אין לידער
פֿאַר אייגענע ברידער.

1

— גוט־מאָרגן. זון איז אופֿגעגאַנגען,
— ציט פֿאַנאַנדער די פֿאַרהאַנגען!
— עפֿנט פענצטער, עפֿנט טירן!
— וואָס האָט דאָ געקענט פּאַסירן!?

טומל, רייד און טריט דורך שטובן, —
פֿון די בעטן אופֿגעהויבן
קינדער לויפֿן, מענטשן גייען,
קומט א פּרוי מיט וויי־געשרייען.

קומען אַלע איר אַנטקעגן:
ס'איז אַ מענטש אַוועק אַף וועגן,
איז אַוועק און איז פֿאַרשוווּנדן, —
ווער קען היילן אירע ווונדן?

ווער געזען, און ווער געטראָפֿן?
אַלע וועגן שטייען אָפֿן.
אין געעפֿנטן פֿרימאָרגן
איז דער מענטש דאָך ווי פֿאַרבאָרגן.

וועג און כאַטע, דאָרף און מענטשן,
גריסט מען און מע טוט זיך בענטשן.
הינטער ווערטער און געשטאַלטן
ליגט דער מענטש דאָך ווי באַהאַלטן.

ווו? פֿאַרהוילן. ווער קען זאָגן?
אַלע זוכן און באַקלאָגן;
אַלע יאָגן, טאַטעס, מאַמעס,
קינדער, שטעטל — דאַלעדאַמעס.

2

דער ייד איז געווען א קאַצעוו, אַ סויכער,
אַ ייד אין די מיטעלע יאָרן;
אַ ייד מיט אַ פּעלצל, אַ סויכער אומויכער,
דאָס בערדל אַביסל געשוירן.

פלעגט שעכטן און קויפן בעהיימעס פון גויים,
און זיין אונטערוועגנס אין שטאָלן.
פלעגט זוכן מעציעס: — עי, וואַינקע, דיין פּעגירע,
זי איז אַפן פעלד דאָך געפאַלן.

— עי, זאָג נאָר, אירינא, צי האָבן די שעפסן
געהאַט שוין אַ קעלבערנעם צווילינג! —
פלעגט שפּאַסן און גיין איבער כאַטעס און דערפער,
ווי ס'פלעגט נאָר אַ זונג טאָן דער פרילינג.

רעב זעוולן. — מע האָט מיט אַ „רעב” אים גערופן,
אַוועק איז צופוס דורכן קאָרן,
צו דאָרפישע פויערים און באַלעגופן,
און איז ניט געוואָרן.

3

זיצן זיך ווייבער אין דרייען, אין פירן,
פּלאַפּלען און רעדן באַ אָפּענע טירן, —
— וואָס האָט געקענט דאָ פּאַסירן?

הייבט אָן אַ זקיינע מיט ווייס אָפּן שטערן:
— יידישע קינדער, אומזיסט איז דאָס וואַרטן,
אַ יידנס נעשאָמע איז דאָך ניט צום שאַצן;
אַ מענטש קען אַמאָל אויך פּאַרלאָזן פּאַלאַצן
און גיין אין דער וועלט, מיט ברעקלעך זיך נערן,
שלאָפן אַף האַרטן,
זיך פּייניקן, גאָלעם אָפּריכטן,
טשוווע־טאָן.
איר וועט זען דעם סאָף.
ער וועט קומען אומגעריכט, —
אַמאָל איז געווען אַ לאַמעד־וואָוו...

הייבט אָן אַ צווייטע פּאַרטאָן אינעם שטריקן:
— ניין, ניט שווייגן, מע דאַרף וועכטער שיקן,
זוכן, אויסאַקערן די ערד, אַוואַדע גאַזלאָנים

פֿאַרשלעפּט ווו אין היילן, —
אַט הערט, וואָס איך וועל אייך דערציילן...

מישט זיך אַריין אַ קוויטיקע שטימע,
גנענדל „די מימע״:
— וואָס שרעקט איר קינדער אין די וויגן?
זאָל גאָט מיר העלפֿן, ווי כ׳זאָג ניט קיין ליגן,
אַנטלאָפֿן פֿון איר, אַן אַרורע, אַ שלאַק,
דאָס שעלטן אירס, גאָטעניו, אַ ליידיקער זאַק,
אַ שרעק.
געכאַפּט אַף די פּלייצעס אַ זאַק און — אַוועק!

* * *

וועבט זיך לעגענדע. וועבט זיך סאַד.
וועבן זיך רייד וואָס באַריידן,
וועבן זיך רייד וואָס באַשיידן,
באַשיידט און באַרעדט און — פֿאַרגעבן,
און ס׳דרייט זיך שוין ווייטער דאָס לעבן.

4

אף וועג וואָס ציט פון דאָרף האָט זיך אַן אָקס באַוויזן,
מיט קאָפּ געהויבענעם, מיט הערנערדיקע שפּיזן.

בײַ בײדע זײַטן — עס פירן אים פיר יונגען,
עס האָבן זיך די טריט זייערע אין שטעטעלע צעקלונגען.

און קינד און קייט פון איליע, אָרעמינקע ליטע,
געקומען זיינען זען: אַן אָקס גייט צו דער שכיטע.

זיין שוואַרצע פעל געפּאַנצערט, אף ריפּן אָנגעצויגן,
מיט פאַלדן־האַלדז, מיט בלוט־פאַרפלעקטע אויגן.

מיט שווערן טראָט געשפּאַנט אף געווורעדיקע שטאָפּלען,
אַ שטשעמע מיט קינבאַקן, אַ ווילדער דריי מיט אַפּלען.

די יאָטן גייען פאַרזיכטיק, דער אָקס גייט קעניגלעך — געפאַנגען,
מע דרייט, מע וואַרפט מיט שטריק, מיט פעטליעס און מיט שטאַנגען.

די זון שיינט היים און שטויביק, די שוואַרצע הויט געצונדן,
באַלד וועט דער אָקס שוין זיין געבונדן.

פאַרשלייפּט, פאַרקניפּט און אף די ריפּן שווערע שטאַבעס,
און פלייש וועט אופגיין היים, עי, פלייש לעקאָווער שאַבעס.

* * *

און אַט וואָס ס'איז ווייטער געוועזן:
מיר האָבן דאָך אַלע געלעזן,
לעגענדע וואָס איז אונדז געבליבן
פון יאָר, וואָס צייכנט:
איינס און נייען, און איינס און זיבן.

5

אַז דער שויכעט רעב עליע האָט גענומען דעם כאַלעף דעם גרעסטן,
און געטאָן זיך אַריבערן אָקסענעם האַלדז זיך פאַרמעסטן,
האָבן בלוטיקע אויגן פון אָקס זיך געגעבן אַ דריי, —

אַ געלאַף, אַ געשריי:
— יידן. כאַפּט אים. פאַרצאַמט!
טופּ־אַ־טופּ, טופּעריי:
— קומט אַהער, ניט פאַרזאַמט!

יונגען שפּרינגען צעשפּרייט,
איבער וועג איבער צוים,
אין די אויגן אַ שרעק,
אויף די ליפּן אַ שוים.

ס'האָט דער אָקס ווילד און שווער
זיך געגעבן אַ בריק.
און די פּעטליעס צעפּראַלט,
און צעוואָרפן אַף שטיק.

מיט אַ ברום, מיט אַ שטאָך,
מיט די הערנער אין וואַנט —
און דעם שויכעט געלאָזט
מיטן כאַלעף אין האַנט.

און אַוועק דורכן מאַרק
אַפן שליאַך צו דעם דאָרף,
לויפן יונגעץ אים נאָך:
— גיט אַ שלעפּ, גיט אַ וואָרף!

איז דאָס שטעטל צעשטויבט,
ס'איז טרעוואָגע געקלאַפּט.
ס'ווערט די מאַכנע געשטאַרקט,
און דער אָקס איז געכאַפּט.

פירט מע ווידער דעם ריז,
שלעפן צענדליקע הענט;
ווו דער שויכעט באם קלאָץ
שטייט מיט כאַלעפּשן בלענד.

און מיט פאַרזיכט, גענוט,
אים די קנאָכן פאַרדרייט;
פאַלט דער אָקס ווי אַ באַרג,
פאַלט דער אָקס אין אַ קייט.

און צו דריי באַ אַ פוס,
עסן יונגען זיך איין, —
און דער כאַלעפשער בלאָ
ווידער גיט אַזאַ שיין.

בייגט דער שויכעט זיך צו,
גרייט זיך געבן אַ פיר, — —
גיט אַ רעווע דער אָקס,
גיט אַ ריזיקן ריר.

און מיט ריפּן און פעל,
אַזאַ שטופּ, אַזאַ הויב;
און צעוואָרפן פון זיך
אַלע יונגען, ווי שטויב.

און ווי פריער, אויך איצט,
ווערט אַ ווילדער געיעג,
לויפן מענטשן צעבליצט,
גאַס נאָך גאַס, וועג נאָך וועג.

שטייען פרויען פאַרבליפט,
שלעפן קינדער אַוועק;
און דער וווּנדער און טראַף
ווערט פאַרוואַנדלט אין שרעק.

נאָר די מאַכנע צעפלאַמט
שפּרינגט פאָרויס, לאָזט ניט אָפּ;
נעץ אַף אָקסענע פּיס,
טויזנט שטריק אַף זיין קאָפּ.

און פאַרפלאָנטערט, פאַרקניפט, — — —
שלעפּ זיך אָקס צו דיין טויט!
רינט אַ סלונע פון מויל,
שלאָגט אַ פאַרע פון הויט.

6

צום דריטן מאָל האָט זיך דאָס אָקסיש אויג צעבּרענט,
באַגעגנט מיט דעם שאַרפן, קאַלטן כאַלעף־בּלענד.

צום דריטן מאָל האָט אופגעפלאַמט זיין אומבאַזיגטע קראַפט,
און הינטער זיך געלאָזן אַלעמען פאַרגאַפט.

צום דריטן מאָל. נאָר איצט איז דאָ אַ קליינער שניט אין האַלדז,
אַ ניט־דערקווילעטער יאָגט אָקס און שפּרינגט אַריבּער אַלץ.

און טראָפנס בּלוט אַף זאַמד צעשפּרייט: טריף־טראַף,
אַ רויטע, פינטלדיקע שנור אַף אָקסענעם געלאַף.

איז דען אַ וווּנדער, אַז די בּרידער מיינע, יידן, יונג און אַלט,
דערזען האָבּן אין אָקס אַן אומנאַטירלעכע געשטאַלט!

אַז מענטשן אַנגעליטענע בּאַ יעדן צוק פון לאַנד,
זיי זאָלן פּלוצלונג דאָ דערזען אַ ניט־געזעענע האַנט!

איז פון זיין שטוב אַרויס דער ראָוו און האָט אַזוי געזאָגט:
— צום דריטן מאָל, אַ גאָטס בּאַשעפעניש, ניט לויפט,
ניט יאָגט, —

מיט טריט פאַמעלעכע נאָר לאָמיר גיין און זען אין בּלוט,
ווו ס'איז דער אָקס אַוועק, וואָס האָט געצווינגן אים, און וואָס ער טוט.

* * *

טראָפּ נאָך טראָפּ צעשפּרייט,
די גאַנצע איידע גייט.

7

האָט דורכן פעלד זיך געריסן אַ ברומען,
אָקם אַנז געלאָפן צוריק צו זיין שטאַל געקומען.

איז ער אַריין אַ צעהיצטער צום מיסט צוגעפאַלן,
איז ער אַריין מיט די הערנער צו שטעכן און פראַלן.

האָט ער אַפּסניי זיך צערעוועט, גענומען זיך שטיקן,
און מיט די קלויען גענומען צו רייסן און פליקן.

רייסן די שטרוי און די מיסטן, צעגראָבן, צעוואָרפן
בלוט איז גערונען, געטראָפּנט, פון שניט פונעם שאַרפן.

יידן און גויים, אויך יאָן באַלעגוף, באַלעבאָס פון דער בעהיימע,
האָבן געקוקט, קאָפּ אַף קאָפּ, און געשטאַנען אין איימע.

אָקסישע ווילדקייט, צעפייניקט, מיט שוים פאַרלאָפן, — —
גרוב אונטער אים, גרוב, ווי אַ קייווער איז אָפן.

פּלוצלונג — געשריי:
— אַ האַנט!
פון דער ערד האָט זיך קויטיק באַוויזן אַ מענטשלעכע האַנט.
— אַ פּוס!
פון אונטערן אָקס שטעקט אַרויס אַ מענטשלעכע פוס.
— טאַלעס־קאַטן!
— אַ היטל! אַ רימען!
— אַ האָרעג פאַרשאַטן!
— רופט אויס אין די שולן!!
אויסברוך פון שטימען:
— זעווולן! — — — —

* * *

און אַז דער האָרעג איז שוין געלעגן אָן אופגעגראָבענער אין שטאַל,
האָט דער אָקס צו דער מיסטיקער ערד געגעבן אַ פאַל,
דעם האַלדז אויסגעצויגן,
זיך געשטילט,
ווי איינער וואָס האָט זיין שעליכעס דערפילט,
דעם צונג אַרויסגעהאַנגען,
און אויסגעגאַנגען.

8

אילִיע שטעטעלע, מע האָט דיך אין די נייסן היינט דערמאָנט, —
גאס אַריין און גאס אַרויס צו דערפער ווייט און נאָענט.

גייען וועגן שמאָל און זאמדיק, מענטשלעכער געטרעט,
פעלד און ציילעם, וואַלד און טייכל, פרי און שפּעט.

זאַנגען בליען, אָפּגעבליטע ליגן בייט נאָך בייט,
— וואַגלער, היט זיך, אָפּגעריסן האָט זיך הונט פון קייט!

רייסט פון וועג זיך אָפּ אַ שטעגל, ווערט פאַרשווונדן באַלד,
— וואַגלער, היט זיך, עפּעס האָט פּאַסירט אין וואַלד.

שטייען הייזלעך, גראָע צאַמען, טרוקענער געפלעכט,
פלאַכע טעג, דאָך בלייבן סוידעס איינגעוועבט אין נעכט.

וועבן זיך לעגענדעס, מייסעס, — גאַלעך, לאַמעד־וואָוו,
איינס אין צווייטן אָנגעהאַנגען אָן אַ סאָף.

נאָר אַמאָל אין שטורעם, אומרו, אופבּרויז פון אַ טאָג,
טיילט זיך איין־און־איינציק אויס אַ שניידיקער געקלאָג:

ניט קיין וווּנדער, ניט לעגענדע, ניט קיין נעס, —
הינטער שטעטל ליגט אַ האָרעג, ליגט אַ מעס.

9

פאַרנאַכט. די זון פאַרגייט. פאַר אַוונטיקע טירן
ווייבער זיצן שווייגנדיקע אין דרייען און אין פירן. —

— צינדט אָן די ליכט.
— ווער האָט זיך דאָס געריכט?!

די ווונד איז פריש. געוועזן היינט די לעוואַיע.
צו קייווער ייסראָעל געבראַכט.
אַלץ איז קלאָר און אָפּגעדעקט, פאַראָוולט אָרט.
נאָר שטילערהייט, דורך מיירע, וואָרט צו וואָרט,
עס הייבט זיך אָן צו וועבן טיף אין נאַכט,
לעגענדע נייע.

עס ווייזן זיך די ערשטע שטערן,
א זקיינע רעדט און אַלע הערן:

— ידישע קינדער, הימל און ערד האָבן געשווירן,
קיין זאַך בלייבט ניט פאַרבאָרגן.
איז ניט היינט, איז — מאָרגן.
דער גוי אַליין האָט דאָך דערציילט:

ס'איז געווען באַ שקיע,
זעוולן איז געקומען:
— האָסטו עפּעס אַ מעציע?
איך האָב מעזומען.
— קום אַריין אין שטאַל, איך וועל דיר ווייזן.
אויג אָף אויג אין צווייען,
האָט דער גוי פאַרמאַכט דעם טויער, גענומען אַן אייזן
און געזאָגט צום יידן:
— ווי וואָלט געווען אַז איך דערהאַרגע דיך,
אַ האָן אַפּילע וועט ניט קרייען.

דערויף האָט דער ייד אַזוי געזאָגט:
— ס'איז אַ גאָט פאַראַנען,
און אָט דער שטומער אָקס וועט זיין אַן איידעס.

דער אָקס איז אין ווינקל געשטאַנען.

דער גוי האָט דעם יידן ניט געהערט,
דערהאַרגעט און באַהאַלטן אין דר'ערד.

די זקיינע האָט גערעדט.
און אין איר קאָל געקלונגען האָט ניצאָכן,
אַ האָפענונג, אַ טרייסט, אַ לערנונג פאַר מענטשן.
אַ מענטש דאַרף לעבן מיט ביטאָכן,
דעם שלעכטן וועט ער שטראָפן, דעם גוטן — בענטשן.
— גאָטס וואונדער!
דאָס בלוט האָט פון דער ערד געשריען,
דער שטומער אָקס האָט זיך פון כאַלעף געריסן
דעם סאָד צו אַנטפלעקן.
די ערד האָט זיך אופגעמאַכט!

— אַ גוטע נאַכט!

* * *

און אָט איז געבליבן —
לעגענדע —
פון יאָר:
איינס־נייען־איינס־זיבן.

די מייסע איז צו ענדע.

בּרידער

בּרידער, לאָמיר זיך איינגעווינען צו וווינען אַף דער ערד.
הערט, —
אַמאָל איז געווען אַ מיילעך,
דער מיילעך האָט געהאַט אַ מאַלקע...
ס'האָט עמעצער אַן אומעטיקע מייסע אויסגעקלערט
אַף דער אומעטיקער ערד.

בּרידער —
ס'איז ניט קיין מייסעלע וואָס ס'איז אונדז יעדערן באַשערט —
אַ שעפּעלע טוליעט זיך צו אַ שעפּעלע, די שרעק — פּאַרוים!
אַ בּליץ שניידט דורך דעם וועג, אַ שאַרף און — אוים!
מיט פליגל שוועבּן אום אין הימל מאַלאָכים אַרום גאָט.
דער וועג צו דער ערד —
טראָט נאָך טראָט.

מיר אַקערן און זייען מיט אונדזער שוויים און בּלוט.
לאָמיר אָנעמען די קלאָלע אונדזערע פאַר גוט —
ס'איז אונדזער ערד, ס'איז אונדזער היים און אונדזער בּיסן בּרויט,
ס'איז אונדזער לעבּן און אונדזער טויט.

ס׳איז ניט קיין מייסעלע וואָס ס׳איז יעדערן באַשערט —
— די מאַלקע איז אָפּגעשטאָרבן,
דער בוים איז געוואָרן פאַרדאָרבן, —
די הענט וואָס שטרעקן זיך צום ווייטן, מאַלכעסדיקן ליכט,
זיי ווישן נאָר דעם טרויער אָפּ פון אייגענעם געזיכט.

ברידער,
לאָמיר זיך געוווינען לעבן אַף דער אומעטיקער ערד.
מיט ווארעמקייט קומט אָן דער טאָג, מיט רו — די נאַכט.
ס׳האָט עמעצער אַן אומעטיקע מייסע אויסגעטראַכט.
די נאַכט האָט אונדז אַ טרייסט, אַ ניגן, איין־און־איינציקן געבראַכט:
— לולינקע מיין פייגעלע,
לו־לו, לו־לו — לולינקע מיין קינד.

ו. לידער - איבערגעזעצטע

אין אַ שניי־שטורעם

פון סערגעי יעסענין

שניי־שטורעם שטעכט זיך, צעפּאַלט זיך, ווי שפּליטער,
הענגט די לעוואָנע — פאַרפרוירענער בלענד.
שוואַרצט זיך דער היימישער פּלויט דורך געוויטער,
און בּאַ אַ פענצטער אַ פייערל ברענט.

היימלאָזע, טוען מיר פיל דען באַדאַרפן ?
זינג איך, ווען איך האָב נאָר עפּעס דערגרייכט.
ברויט אַף אַ טיש מיט אַ מעסער אַ שאַרפן,
און בּאַ דעם טיש זיצט מיין מאַמע פאַרבלייכט.

קוקט און עס הענגען די טרערן אַף ברעמען,
שווייגט, ווי זי וואָלט גאָר קיין צאָר ניט געאַנט, —
ווײַל זי דעם ליימענעם טעצעלע נעמען,
שפּרינגט איר דאָס טעצל אַרויס פון דער האַנט.

טייערע, גוטינקע, צערטלעכע, אַלטע,
אַ, ווי דו האָסט זיך אין שאָטנס פאַרוועבט !
הער בּאַ האַרמאָניקע — שנייקער, קאַלטער,
כ'וועל דיר דערציילן ווי איך האָב געלעבט :

איך האָב געוואָגלט, געזען — ניט געטראָפֿן;
איך האָב געליטן, געליבט אין דער וועלט.
און כוליגאַניש מיט שוים זיך פֿאַרלאָפֿן,
ווייל ס'האָט דיין גוטסקייט מיר שטענדיק געפֿעלט.

אַט און איך וואַרעם זיך ווידער באַם אויוון,
באַרוועסע פֿיס און צעשפּילעט דאָס העמד.
האָב איך שוין ווידער — אָ, קינדערשער גלויבן!
האָב איך און גלייב פֿון פֿאַרוואָגלטער פֿרעמד.

און הינטער פֿענצטער און שנייִיקן בליפֿען, —
ווילדער און בלענדנדער שנייִיקער קישעף,
דוכט זיך מיר: ס'בליען שוין ווידער די ליפֿעס,
ליפֿעס פֿון ווייסן אַמאָליקן יישעוו.

אַ בריוו צו דער מאַמען

לעבסטו נאָך, מיין מאַמע, אַלט און שוואַך?
איך לעב אויך — געגריסט זאָלסטו מיר זיין!
פלאַטערן זאָל אַף דיין נידעריקן דאַך
אוּונטיקער, סוידעסדיקער שיין.

שרייבט מע מיר: באַהאַלטנדיק דיין שרעק,
זאָרגסט זיך, טרויערסט, איבער מיר, דיין זון:
בלאָנדזשעסט אום אין דאָרף, אַז איינזאַמע אין וועג,
אין דיין אַלט־פאַרלאַטעטן שושון.

מאָלט זיך פאַר די אויגן דיר אַ טייוולישׁ בילד —
בלאָ פון אָוונט ווערט שוין טונקל־שוואַרץ,
עמעצער אין אַ קאַבאַק באַטרונקען, ווילד,
רוקט אַ מעסער מיר אַריין אין האַרץ.

ניין, זיי רויק: ניט מע, שלאָגט מיך, ניט מע שטעכט —
דאָס איז נאָר אַן אָפּדוכט, בייז און שווער.
איך בין דאָך ניט אַזאַ שיקער, ביטער, שלעכט,
איך זאָל שטאַרבן דיך ניט זעענדיק שוין מער.

כ׳בין נאָך אַלץ דער זעלבער ייִנגל — גוט און צאַרט;
און עס ווילט זיך און עס טראַכט זיך בלויז,
אַז באַפרייענדיק זיך פון מײַן מאַזל — וויסט און האַרט,
זאָל איך ווידער קומען אין דײַן קליינעם הויז.

יאָ, כ׳וועל קומען, מאַמע, ווען אין פרילינג־בלי
אונדזער ווייסער סאַד וועט אופהייבן זײַן בליק,
נאָר דו, מאַמע, זאָלסט ניט אופוועקן מיך פרי,
ווי אַמאָל מיט יאָרן אַכט צוריק.

וועק ניט אוף, וואָס האָט זיך לאַנג שוין אָפּגעטראַכט,
אָפּגעטראַכט און אָפּגעדאַכט און ניט געשען.
פרי, צו פרי, האָב איך אין לעבן — בייזע נאַכט —
אומגליק, אָנווער, אַף מײַן וועג דערזען.

לערן מיך ניט, מאַמע, טפילע טאָן צו גאָט —
צום פאַרגאַנגענעם קיין אומקער איז ניטאָ.
דו נאָר ביסט מײַן איינציק הילף, מײַן טרייסטנדיקער גנאָד,
דו, מײַן וווּנדערשײַן מײַן לעצטער אין מײַן לעצטער שאָ.

אָ, פאַרגעס דײַן וויטיק; אָ, שטיל אײַן דײַן שרעק,
טרויער מער ניט איבער מיר, דײַן זון,
גיי ניט אום מער נאַכטיק אַפן וועג,
אין דײַן אַלט־פאַרלאַטעטן שושון.

ס'פייפט דער ווינט...

ס'פייפט דער ווינט, דער זילבערנער ווינט,
אין זיידענעם שאַרף פון דעם שנייִקן רויש, —
צום ערשטן מאָל האָב איך אין זיך געדאַכט:
אַזוי האָב איך נאָך קיינמאָל ניט געטראַכט.

זאָל אַף די שויבן זיך פייכטן דעם שימל,
כ'בייג ניט מיין קאָפּ מער און קום ניט באַטריבט.
סיי ווי סיי האָב איך פאַרליבט זיך אין לעבן,
קינדיש, אַמאָליק, זיך ווידער פאַרליבט.

קומט מיר אַ פרוי מיט אַ שמייכל אַנטקעגן,
רעגט זיך מיין בלוט שוין — אַ, וואָס פאַר אַ פּלייצעס!
טראָגט זיך אַ טראַיקע, — אַ נעם פאַר די לייצעס,
יאָג איך שוין ווידער אַף כוואַליקע וועגן.

אַ, איר דערגרייכונגען, פרייד מיינס, נעצאַכן, —
ליב האָט די ערד אונדזער מענטשלעכן גליק.
דער, וואָס האָט איינמאָל געוויינט אַף דער ערד,
אים איז שוין קיינמאָל קיין גליק ניט באַשערט.

מ'דאַרף לעבן פּראָסטער, מ'דאַרף לעבן גרינגער,
אָנעמען אַלץ, וואָס עס גיט אַף דער וועלט.
אַט פאַרוואָס יאָגנדיק קאָלט איבער וואַלד —
ס'פייפט איצט דער ווינט; דער זילבערנער ווינט.

אין אַ ווינטער-נאַכט

הערסט — די שליטן יאָגן, פערד־טריט גאַלאָפּירן.
גוט איז מיט געליבטער זיך אין ווייט פאַרלירן.

גלעקל קייקלט זיך אַף פעלד דעם אופגעדעקטן,
שמעוודיקער ווינטל איבער וועג געשטרעקטן,

אָ, דו שליטן, שליטן! פערד, וואָס שפּריצט מיט פונקען,
באַ דעם וועלדל נאַקעט טאַנצט אַ קליאָן באַטרונקען.

צוגעפלויגן, — קליאָן, וואָס טוסטו? און ניט צו פאַרזאַמען,
טאַנצן מיר שוין שיקער אַלע דריי צוזאַמען.

אַ פליג

פון ק. ד. באַלמאָנט.

אַ זומער־טאָג. עס שלאָגט זיך דורך דער שויב אַריין
אַ זייל פון זונענשיין.
די מאַמע איז נאָר וואָס אַרויס.
און איך — אַ קינד פון אַכט יאָר צי פון ניין —
האָב פון אַ טאַליע קאָרטן זיך געמאַכט אַ הויז.
און פּלוצלונג — —
— זשור־זשו — און נאָך אַמאָל: — זשור־זשו, —
— אַ בין? —
צי האָט געכאַפּט זיין רויב
דער גאָלדיק־ברוינער שפּין,
אין ווינקעלע באַם שראַנק?
— זשו — אוזש — זשו — — —
— ווו! —
איך זע:
אַ פליג אַ שוואַרצע, אַ קליינס, מיט פליגעלעך צעשפּרייט,
קלאַפּט און ראַנגלט זיך אָן שויב
און בעט זיך: — זשור־אַרויס, זשור־אַרויס!
— אַרויס, אַרויס!

איך — (שייגעץ וואָס איך בין...)
ניט איין מאָל האָב איך פליגעלעך געוואָרפן
אין נעץ פון הונגעריקן, וואַרטנדיקן שפּין;
ניט איין מאָל האָב איך שטרוי
אין רוקן פון אַ פליג אַריינגעשטאָכן,
און צוגעזען, ווי ס'האָט געמאַטערט זיך, געקראָכן
אויף דער פייכטער ערד, —
און האָב נאָך צוגעטריבן: „נ־נאָ — נ־נאָ!" —
אַזוי,
ווי ס'טוט דער באַלעגאָלע צו זיין פערד.
נאָר דאָ,
איז מיר מיין האַרץ ראַכמאָנעסדיק פאַרגאַנגען
אויפן פליגעלע, מיט פליגעלעך צעשפּרייט, —
איך האָב דעם פענצטער ראַפּטאָם אופגעעפנט ברייט —
און האָב די פליג, בײַ אונדז אין הויז געפאַנגען,
געראַטעוועט, באַפרייט!

* * *

עס זיינען שוין זייט דאַן פיל יאָר אַוועק.
איך האָב אי גוטס, אי שלעכטס געטאָן, געהאַט, —
נאָך אַלץ געדענקט זיך מיר מיין דאַמאָלסטיקע טאַט,
מיין שטילער שטאָלץ אין לעבן, מיין האַפענונג נאָכן טויט.

איך ווייס ניט צי מיר קומט פאַר דעם גאַניידן.
נאָר איין זאַך ווייס איך: קיין כיבעט־קייווער וועל איך שוין ניט ליידן,
ווייל ווען דער מאַלעך־דוימע וועט נאָך 120 יאָר,
צו מיר, באַגראָבענעם, קומען מיט זיין שטעקן
אָנקלאַפּן אין קייווער הויך און פרעגן: —
„בענאָדאָם, וואָס פאַר אַ גוטס האָסטו געטאָן אין לעבן?"
וועל איך יאַכסאָנעסדיק אַ ריר טאָן מיט די ביינער,
און אופרייסן די איינגעקוועטשטע ציינער,
און וועל מיט שטאָלץ, פאַרשייט —
אַן ענטפער געבן:
— „גוטס? אַ קלייניקייט — האַ־האַ!
געבענטשט דאַרף זיין מיין גאַנצער דאָר!
איך האָב אין אַכטן יאָר
אַ פליגעלע געראַטעוועט — באַפרייט!"

סאַנכיירעווס אונטערגאַנג

פֿון לאָרד בייראָן.

אַשור לויפֿט — ווי אַ וואָלף וואָס אַ סטאַדע באַפֿאַלט;
ס'האָט זיין כאַיל אין גאָלד און אין פּורפּור געשטראַלט.
ס'האָבן שפּיזן געגלאַנצט ווי די שטערן אין טהאָם,
ווען עס רוישט פֿאַרביי גאַליל דער נאַכטיקער שטראָם.

ווי די בלעטער פֿון וואַלד — ווען דער פֿרילינג דערוואַכט,
האָט די מאַכנע מיט פֿאָנען געשימערט פֿאַרנאַכט.
ווי די בלעטער פֿון וואַלד — אין די האַרבסטיקע טעג,
ליגט די מאַכנע באַגינען פֿאַרוועלקט אַפֿן וועג.

ווייל דער מאַלעך פֿון טויט האָט די פֿליגלען פֿאַרשפּרייט,
און זיין אָטעם אין פּאָנעם פֿון סוינע געווייט.
ס'זיינען אויגן אין שלומער געוואָרן פֿאַרקילט —
ס'האָבן הערצער געפּלאַצט און אַף אייביק פֿאַרשטילט.

און דער קריגס־פֿערד, אָט ליגט, ברייט־געעפֿנט זיין נאָז,
נאָר עס גליט ניט אין אים פֿון נעצאָכן דער פֿלאַם.
ס'איז דער שוים פֿון זיין גסיסע פֿאַרגליווערט אין גראָז,
ווי די ווייס־קאַלטע פּיענע באַם ברעג פֿונ'ם יאַם.

און דער רייטער אָט ליגט — זיין געזיכט אזוי בלאַס.
ס'איז זיין פּאַנצער פּאַרראָסט — און זיין שטערן איז נאַס...
די געצעלטן פּאַרשטומט; ס'האָט דער שפּיז ניט געפּראַלט;
ס'האָט די פאָן ניט געוויִיט; דער טראָמפּייט ניט געשאַלט!

די אַלמאָנע פון אשור גיסט טרערן א קוואַל,
ס'ליגט דער אָפּגאָט צעשטערט אין די טעמפּלען פון באַאַל.
און דער פיינט — ווען' דער שווערד ניט געמאַכט האָט צו שפּאָט,
איז צעגאַנגען ווי שניי אינ'ם אָטעם פון גאָט!

דער אָנפאַל

פון ראָבערט פראָסט

ס'איז אַלעמאָל אַזוי, ווען אין באַשערטער נאַכט
דער שניי צונויפגעזאַמלטער רייסט זיך אָפּ און פאַלט,
און טראָגט זיך ווייס אַריבער אָפּגעדעקטער ערד, —
ווי ווייס קען ווייס נאָר זיין אין פינצטערן וואַלד, —
און נידערט מיט אַ שיפּנדיק געזאַנג,
וואָס וועט זיך מער ניט הערן גאָר דעם ווינטער לאַנג, — —
ווערט וואַקלדיק מיין טראָט פון קוקן אויף און אָפּ,
ווי איינער וואָס דערזעט — דער סאָף האָט אים דעריאָגט,
גיט אויף זיין שעליכעס, וועג, און וואַרט — זאָל טויט אַראָפּ
און טרעפן זאָל ער אים אָט דאָ גלייך אַף אָן־אָרט;
קיין שלעכטס געטאָן, קיין זינ געהאַט — ניט דאָ, ניט דאָרט, —
ווי ס'וואָלט זיין לעבן קיינמאָל, קיינמאָל ניט געטאָגט.

און דאָך פון פריערדיקע צייטן ווייס איך קלאָר,
ניט איינמאָל האָט דער טויט אין שטורעם־צייט פון יאָר,
שוין אויסגעפּרוווט די ערד, — באַפאַלן, דאָך אומזיסט!
מעג אויסקוקן די וועלט פאַרטראָגן און פאַרוויסט,
מעג שניי פאַרשיטן הויך בעריאָזע, דעמב און קליאָן,
ניט איינהאַלטן וועט ער דעם קריי פון צאַרטן האָן,
וואָס האָט זיך נאָר־וואָס אויסגעפּיקט, אַרויס פון איי,

און כ׳וועל נאָך זען אַ טאָג, ווען ס׳וועט צעשמאָלצן שניי,
זיך לאָזן באַרג אַראָפּ אין שמאָלן וואַסער־פּאַס ;
וועט דורכבליצן זיין עק — אַנטלויפנדיקע שלאַנג —
דורך קוסטעס, וואָרצלען ווילד, — צעפוילט און טויט שוין לאַנג.
ס׳וועט קיין זאַך בלייבן ווייס, נאָר דאָ און דאָרטן קוים —
אַ שפּריץ פון שניי אַף קירכע־דאַך, אַף שפּיץ פון בוים.

דער צוועלף-פינף-און-פערציג-צוג

פון דזשאָים קילמער.

אין דזשוירזי סיטי׳ס דאַך-הויז שטייט
אַ לאָקאָמאָטיוו צו פאָרן גרייט.
ער זידט און טרייסלט מיטן קאָפּ,
און רייסט זיך פון די רעלסן אָפּ.
דער רויך — אַ פליגל ווייס און רויט,
אין פאָנעם פון דער נאַכט ער ווייעט.
די שטערן ווייט, פאַרוקט אין זיך,
זיי גלימצערן — דער צוג פליט גיך.
אַנטקעגן פינצטערניש פאַרשפּרייט
מיט ליכט, מיט שרעק — ער גייט
דער רוישיקער רעבעל, די באַן,
ברעכט דורך די נאַכט מיט ווילדן שפּאַן,
שפּייט אויס זיין טראַציקייט פאַרשייט,
שטעקט שאַרף זיין צונגיק פלאַם און שרייט —
און לאָזט קיין שפּור ניט אַף זיין שליאַך.
ווייל פינצטערניש — אי טויט, אי וואַך —
דער האַר פון יעדער, יעדער זאַך,
ליגט אומבאַרירט, ווי אַלע מאָל,
ליגט אויסגעשפּרייט אַף באַרג און טאָל.
די הייזער דרעמלען טונקל, שטיל
אין רוטערפאַרד און קאַרלטאָן היל ;
דער צוג-לאָמפּ מאַכט גערדיכטער, שטאַרק,
דעם כווישעך אין פּאַסעיקער פּאַרק.

און דרעמל האַלט איין מידע טריט,
וואָס וואַנדערן דורך פּראָספּעקט סטריט.
קלינג־קלאַנג — וועמ׳ אַרט דען אונדזער רוף?
עס מאַכט זיך דאָך קיין טיר ניט אוף
צו זען וואָס וויל אין שפּעטער שטונד
דער שרייענדיקער וואַגאַבונד.

אַף מיין געקישלט רויטן זיץ,
אין פאַבריצירטער ליכט און היץ
איך פיל זיך אומנאַטירלעך, קליין.
איך זע, די שטעטלעך הויל און ריין,
געשיצט פון רויש — די שאַ פון רו —
זיי נעמען גאָטס מאַטאָנע צו.
די שטערן אָפן — ליכטיק ברעם —
אַף קליפּטאָן און אַף בעטלעהעם.
מאַלאָכים נייגן זיך פון רוים
און נידערן מיט ליכט און טרוים.
און איך — איך טראָג זיך העפקער־ווילד,
דורך וועלט וואָס איז איצט איינגעשטילט.
דער בלישטש, דער גרילץ — וואָס קרעכצט און רופט,
פאַרשוועכט די נאַכט־געבענטשטע לופט.
אין לעיקוויו הייזעלעך געשטערט
פון שלאָף — זיי טוליען זיך צו דר׳ערד.
אויך פעטערסאָן — פון רויש און ברום —
רוט ווי אַ גאַנע, גוט און פרום.

און אירע לייט פון טאָגיק קריג
זיי היטן אָפּ די נאַכט, דעם שלאָף,
דעם וואַפנשטילשטאַנד אָן אַ זיג.
און וואָס איז אונדזער ציל און סאָף?
ווער טרייבט אונדז אין דער נאַכט אריין?
אַ פליכט, אַ שעליכעם — פרייד צי פּיין?
אָ, וועלכער סאָד יאָגט אונדזער ראָד?
איילט מיט מיט אונדז אַ קעניגס גנאָד?
און עפּשער צווישן בערג אין נאַכט
גייט אום דער טויט — ווי צו אַ שלאַכט
מיר טראָגן זיך — זאָל טויט אַוועק!
און עפּשער גאָר מיט ווילד געיעג
מיר מאַכן קירצער נאָך זיין וועג
צום קאָרבן ווייט און ניט געדאַכט.
קען זיין אַ פרוי אין פּיין אַליין
זיך וואַרפט און האָרכט: — צי קומט, צי ניין? —
דער צוג וואָס זינגט — אַ מאַלעך פליט
און טראָגט אין פליגל באַלזאַם מיט.
ס'קלינגט: האַטהאָרן! — אַ גאַס, אַ הויז,
שפּרינגט עמעץ אויף, רייבט אויגן אויס,
גייט גענעצדיג אַרוים פון צוג —
די טריט פאַרקלינגען אַפן ברוק.

ווערט פלוצלונג אַלץ מיר העל און קלאָר :
ניט ווילד איז אונדזער לויף — פאַרוואָר !
און ניט קיין שעד האָט אונדז געבראַכט
צו שטערן הייליקייט פון נאַכט.
העלט ליבשאַפט אויף — קומט אָן די באַן,
ברענגט מיט מיט זיך אַ קינד, אַ מאַן.
לייכט וווּנדערלעך אַף באַרג און טאָל
דער טראָט פון שימערדיקן שטאָל.
איך פיל איצט גלען־ראַק וואַרט און וואַרט,
און רידזשוווד׳ס טרוים — ניט אָפּגענאַרט.
דער צוג קומט אָן, אָט איז די בריק,
די קינדער קומען שוין צוריק.
און אָט אַזוי — אי דאָרט, אי דאָ,
ברענגט גאָט אונדז אין אַ גוטער שעה.
האַהאָקוס, וואַלדוויק שמייכלען אויף
און כאַפּן אונדז אין אונדזער לויף,
און מאַהוואַ בעט מיט מילדן בליק
אַ טאַטן צי אַ זון צוריק.
די באַן וואָס לויפט מיט טאָג און שיין
טרייבט מענטשן אין דעם יאָך אַריין.
די מיטנאַכט באַן איז אַלט און קליין,
נאָר הערט — זי קומט דורך באַרג און פּלעין
עם פינקלען שויבן אויף אין שפּעט, —
פאַר יעדן איז געגרייט אַ בעט.
גאָט, בענטש דעם צוג אין שטילער נאַכט,
וואָס האָט מיך איצט אַהיים געבראַכט.

אינהאלט

א. אַף נויאָרקער ערד.

נויארק — 11
שטילער ווערט די שטאָט — 12
די פארקישעפטע שטאָט — 13
א פרימארגן — 15
ניי־גאס — 16
לודלאָו סטריט — 17
ראַטגערס סקווער — 18
א ייד — 19
פרויען — 20
זומער־נאַכט אַף אַלטשטאָט — 21
דער בעטלער אַף קאַנאַל סטריט — 22
אָרעמע מענטשן — 24
אין דעם לאַגער פון די אָרעמע — 25
פינגער פינף — 28
פארנאַכט — 29
קינדער — 30
אין גאַס — 31
נאָך דער לעוואַיע — 32
אין די פוסטריט פון גלויביקן — 34
אין ווייסן ליכט — 35
דינער שניי — 37
א טייך — 38
הינטערן שטאָט — 39
באַם דארפישן ברעג — 40
מערץ — 41
איך האָב באַזונגען — 42

ב. האַרבסטיקע פֿייערן.

צום פּאָעט — 45
די סרייפּע — 46
אופשטאַנד — 48
וויזיאָנען — 50
האַלעוועשקעס — 51
צוויי יידענעס באַם ברעג פֿון יאַם — 53
צווייגן — 54
זון, זון, זון, — 55
שווייגן — 56
אין אַ האַרבסטיקן פֿרימאָרגן — 57
אין מיטן זומער — 58
האַרבסט — 60
פֿונקען — 61
ווי אַלעמאָל — 63
איבער אונדזערע קעפּ — 64
צו אַ פּאָעט — 65

ג. ווייטן און אָפּגעשיידט.

פּראָלאָג — 69
ליד פֿון ערשטן טויטן — 70
ליד פֿון צווייטן טויטן — 71
ליד פֿון דריטן טויטן — 73
קאַליל גיבראַנס ליד וועגן טויט — 75
זון — 76
אַף מיין פֿעטערס טויט — 77
עלעגיע אָפֿן טויט פֿון אַ יונג מיידעלע — 79
קוורע — 80
אַ מייסע מיט אַ פֿויגל — 81
פֿאַרצוקונג — 83
פֿאַרביי ברוקלינער בעסוילעמס — 85
ווערטער — 86
מיין קינד — 88
איינס און איינס — 90
אַזוי — 91
וויג־וויגעלע — 92
מיין זיידע — 93
איינמאָל אַ פֿרייטיק — 94
באַגינען — 96
אין שאָ פֿון פֿאַרגיין — 98
טרויער — 100
אַלטקייט — 102

ד. איך און דו

זון און ערד — 107
א ליד צו מיינע פריינט און צו מיין ווייב — 108
איך — 110
מיין ווארט — 111
א טרויער — 112
הימל ברייטערט זיך פאנאנדער — 113
איך האב געזען — 114
דער ברוינער שמעטערלינג — 115
יעדן טאג — 117
די הייל — 119
פאנעמדיקע מיינע — 121
ברוינע — 123
איך און דו — 124
אזא מויד — 125
טויבן — 126
צו פ. כ. — 127
מאסקעס — 128
אומעטיק — 129
קאראהאר — 130
א געזאנג דורך א פענצטער — 131
ווייסער געלעכטער — 132
יולי — 133
געזאנג — 135
מיט דיר — 137
כ'האב געקליבן... — 138

ה. נייס-אַנטאָלאָגיע.

עס טרעפט א שא — 141
דער וועטער־נאווע זאגט פארויס דעם וועטער — 143
די דריי פליער — 145
דאס פארשווונדענע הויז — 151
א מייסע פון ווינטערסוויל, אהייא — 159
די וואונדער פון טערא טאקא, מעין — 165
א מייסע וואס ס'האט זיך געטראפן מיט א בוים — 171
דער דערטרונקענער אין קוני איילאנד — 175
די דריי וועכטער — 177
דער מארש אף ריווינגטאן סטריט — 179
דער קונצנמאכער — 181
א שול־ייִנגל האט זיך דאס לעבן גענומען — 182
א ליד וועגן א שאכן וואס איז געשטארבן — 184
זיין צוואע — 186
א מייסע וואס ס'האט געטראפן מיט א יידן אין א ווינטער־נאכט 187
דער אקס — 195
ברידער — 214

ו. לידער — איבערגעזעצטע.

איין א שניי־שטורעם — 218
א בריוו צו דער מאמעז — 220
ס׳פייפט דער ווינט — 222
אין א ווינטער־נאכט — 223
מיין טרייע — 224
א, טייערע — 225
א פליג — 226
סאנכיירעווס אונטערגאנג — 229
דער אנפאל — 231
דער צוועלף־פינף־און־פערציק צוג — 233

LIBRARY
FEB 2 1 1991
UNIVERSITY OF TORONTO